# משניות
# אבן יקר
## לי"ב חודש ויארצייט



### מסכת כלים
### פרק כ"ד

### מסכת מקואות
### פרק ז'

משניות

# אבן יקר

## מסכת כלים פרק כ"ד
## מסכת מקואות פרק ז'

עם פירוש ר"ע מברטנורא

משניות מבוארות בשפת אידיש בלשון צח ומצוחצח
בהוספת ביאורים וציורים
להקל על הלומדים פרקים אלו בתוך י"ב חודש ויארצייט

יו"ל בעזרת השי"ת ע"י
יצחק יהושע שווארץ

סיון תשס"ו לפ"ק
ברוקלין, ניו יארק

כל הזכיות שמורות
יצחק יהושע שווארץ
1105 53 Street
Brooklyn, N.Y. 11219
718.972.9171

מי שרוצה להדפיסו או לצלמו
אפילו חלק ממנו יפנה אלי

## משניות אלו מחולקים חנם

ניתן להשיגם עפ"י הכתובת הנ"ל

**אפרים פישל הערשקאוויטש**
מלפנים אב"ד האליין
וכעת דומ"ץ צאנז-קלויזענבורג

ב"ה

אפריון נמטייה לכבוד האי גברא יקירא המופלא ומופלג מו"ה יצחק יהושע שווארץ נ"י אשר דבר גדול עשה בעמיו שהולך ומדפיס שני פרקי משניות הנהוג ללמוד לעילוי נשמת הנפטר בי"ב חודש וביום היארצייט כמש"כ הגה"ק מקאמארנע זלה"ה במשניות עצי עדן שקבל מרבותיו עד אליהו הנביא, ותירגם אותם בשפה המדוברת בלשון צח ונקי הפליא לעשות כדי שיהיה שוה לכל נפש שכל אחד יוכל להבין מה שלומד והוסיף לצייר תמונות מצויירות להקל על הלומדים שיבינו המציאות של הדברים ויה"ר שחפץ ה' בידו יצלח ויזכה להפיצו להגדיל תורה ולהאדירה עד ביאת ינון בב"א.

הכו"ח יום ד' נשא תשס"ו לפ"ק ברוקלין יצ"ו

אפרים פישל הערשקאוויטש

משניות אֶבֶן יְקָר

(נ'שמת א'ברהם ק'לונימוס ב"ר י'הושע)

לעילוי נשמת אבי מורי

ר' אברהם קלונימוס ב"ר יהושע ע"ה

נפטר ט"ז אלול תשס"ה

ת. נ. צ. ב. ה.

חייב אדם בכבוד חמיו

לעילוי נשמת מו"ח

ר' שמואל דוד ב"ר שאול ע"ה

נפטר כ"א אלול תשמ"ז

ת. נ. צ. ב. ה.



# דברים אחדים

ראשית ברצוני ליתן שבח והודי' להשי"ת, שזיכני והעניק לי הרעיון לפרש ולבאר את שני הפרקים האלו בשפת האידיש המדוברת בינינו, וסייעני להוציא את הרעיון מכח אל הפועל.

שני פרקי משניות אלו, ידועים בסגולת לימודם כמובא בספרים הקדושים, לעילוי נשמת הנפטר ביום היארצייט, ובמשך השנה הראשונה לפטירתו, ופעמים כאשר מגיע לעת כזאת ובפרט בבית האבל ל"ע, כאשר לומדים משניות אלו וקשה ללמד ולהסביר להמקשיבים כוונת הדברים, או משום ריבוי הפשטים או מחוסר הבנה למציאות הדברים. משום כך עלה בדעתי להקל על הלומדים, ולבאר את המשניות הללו בשפת האידיש, וע"י כך יהי' אפשר ללמד מתוך פירוש זה. כמו"כ הוספתי ליד כל משנה תמונות מצויירות להבנת המציאות של הדברים, ומקילה על הלומדים את הבנת המשניות.

עיקר הביאור מפורש על יסוד פירוש הר"ע מברטנורא ולפי שיטת לימודו, והיכן דליכא פירוש ר"ע מברטנורא, ציינתי את מקור הפשט האחר שפירשתי. כמו"כ לא הבאתי כל הפשטים כי כאמור המטרה להקל על הלומדים.

וזאת למודעי שהפירוש בכללו הי' למראה עיניהם של כמה תלמידי חכמים כ"א בשמו הטוב יבורך, ונתנו הסכמתם להוציא לאור פירוש זה, תודתי וברכתי נתונה להם, והם בכלל מזכי הרבים, ויתברכו ממעון הברכות בברכה המשולשת בתורה.

כל זה נעשה והובא לדפוס, לעילוי נשמת אבי מורי ע"ה, ופירוש המשניות נקרא בשם "אבן יקר", שהם ר"ת של נ'שמת א'ברהם ק'לונימוס ב"ר י'הושע, שיהי' לזכות ולעילוי נשמתו.

כמו"כ המלה "אבן" הוא נוטריקון של "אב ובן" (עי' פרש"י בראשית מט: כד), וכוונתי שע"י שיהיו המשניות הללו זיכוי לרבים, יהיו גם לי לזכות ללמוד וללמד לשמור ולעשות, ואני תפלה להשי"ת שיחד עם נוות ביתי תחי' נזכה לחנך את צאצאינו על דרך ישראל סבא עד ביאת גוא"צ בב"א.

יצחק יהושע שווארץ

## סדר לימוד משניות לאבל וליארצייט

סדר הלימוד על אביו ועל אמו כל י"ב חודש וביום שמת בו אביו או אמו שקורין יארצייט מסוגל ללמוד משניות טהרות. והפרק כ"ד מן מסכת כלים שלשה תריסין הם מסוגל יותר מפני שיש בו י"ז משניות וכל משנה ומשנה מסתיימת טהור מכלום או טהורה מכלום וסוף הפרק בין מבפנים בין מבחוץ טהור. כך מובא בספה"ק בשם הרה"ק מרוזין זי"ע.

מי שיש לו פנאי ילמוד הפרקים המתחילים באותיות שם הנפטר, ומשניות המתחילים באותיות נשמה הם בפרק ז' דמקואות.

מובא בשם הרה"ק מקאמארנא שקבל מרבותיו שקבלו מרבן ורבן מאליהו ז"ל שבפרק ז' דמקואות מעלין הנשמה של הנפטר למקומה ולכן האבל כל י"ב חודש ילמוד בו לתקן נשמות אביו ואמו וקרוביו ואוהביו ביארצייט וכדומה, וראשי תיבות של שלשה משניות הראשונות אי"ה י'ש, א'לו, ה'דיח, וראשי תיבות של ארבעה משניות האחרונות נשמ"ה נ'פל, ש'לשה, מ'קוה, ה'טביל. ויכוין בלימוד משניות אלו להעלות הנשמה למזל עליון הנקרא אי"ה. ובמשנה הרביעית נפל וכו' שהוא ר"ת פזר נתן לאביונים יפריש צדקה להעלות נשמת הנפטר מנפילתו, ע"י הצדקה. ועל אביו ואמו ילמוד זה הפרק בכל מוצאי שבת אחר הבדלה, בכל י"ב חודש, וביארצייט, ובערב שבת קודם מנחה לעת הצורך להחיות נפש כל חי אמן.

קודם הלימוד אומרים:

**הֲרֵינִי לוֹמֵד מִשְׁנַיּוֹת אֵלּוּ לְקַיֵּם מִצְוַת עֲשֵׂה שֶׁל תַּלְמוּד תּוֹרָה, וִיהִי רָצוֹן שֶׁיְּהֵא לְעִילּוּי וְלִזְכוּת נִשְׁמַת**

(פב"פ)





## תפילה קודם לימוד משניות

מהגה"ק רבי שלמה שפירא זצוק"ל זי"ע אב"ד דק"ק מונקאטש יצ"ו

**אָנָּא** יְיָ מָלֵא רַחֲמִים וַחֲסָדִים, אֲדוֹן כָּל הַנְּפָשׁוֹת אֵל אֱלֹהֵי כָּל הָרוּחוֹת, בּוֹרֵא כָּל הַנְּשָׁמוֹת, רִבּוֹן כָּל הַמַּעֲשִׂים, אַתָּה הוּא אֱלֹהֵינוּ וֵאלֹהֵי אֲבוֹתֵינוּ, אֲשֶׁר בְּיָדְךָ נַפְשׁוֹת הַחַיִּים וְהַמֵּתִים לַעֲשׂוֹת בָּהֶם כִּרְצוֹנְךָ, יְהֵא נָא לִימּוּד זֶה שֶׁאֲנִי בָּא לִלְמוֹד מִשְׁנַיּוֹת, מְקוּבָּל לְפָנֶיךָ בְּרַחֲמִים וְרָצוֹן, לְעִילּוּי וְלִזְכוּת נֶפֶשׁ וְרוּחַ וְנִשְׁמַת (פב"פ), אָנָּא הָאֵל הַגָּדוֹל הַגִּבּוֹר וְהַנּוֹרָא שׁוֹכֵן עַד וְקָדוֹשׁ שְׁמֶךָ, תִּצְרוֹר נָא בִּזְכוּת לִימּוּד זֶה נִשְׁמָתוֹ (נִשְׁמָתָהּ) בִּצְרוֹר הַחַיִּים, וְתָשִׂים מְחִיצָתוֹ (מְחִיצָתָהּ) בִּמְחִיצַת צַדִּיקִים יְסוֹדֵי עוֹלָם הַנֶּהֱנִים מִזִּיו אוֹר פָּנֶיךָ, וְתִמְחוֹל וְתִסְלַח וּתְכַפֵּר וְתִמְחֶה וְתַעֲבִיר בְּרוֹב רַחֲמֶיךָ וַחֲסָדֶיךָ אֲשֶׁר אֵין לָהֶם גְּבוּל, אֵת כָּל מַה שֶּׁחָטָא וְהֶעֱוָה וּפָשַׁע (שֶׁחָטְאָה וְעִוְּתָה וּפָשְׁעָה) לְפָנֶיךָ כָּל יְמֵי חַיָּיו (חַיֶּיהָ), וּגְמוֹל נָא עִמּוֹ (עִמָּהּ) חֶסֶד לִפְתּוֹחַ לוֹ (לָהּ) שַׁעֲרֵי רַחֲמִים לְהַכְנִיסוֹ (לְהַכְנִיסָהּ) לְגַן עֵדֶן, לְקַבֵּל אוֹתוֹ (אוֹתָהּ) תַּחַת עֵץ הַחַיִּים לֵהָנוֹת מִטּוּב הַגָּמוּר, וְהַגּוּף יָנוּחַ בַּקֶּבֶר בִּמְנוּחָה נְכוֹנָה בְּחֶדְוָה וְשִׂמְחָה, כְּדִכְתִיב יָבֹא שָׁלוֹם יָנוּחוּ עַל מִשְׁכְּבוֹתָם הוֹלֵךְ נְכוֹחוֹ, וּכְתִיב אִם תִּשְׁכַּב לֹא תִפְחָד וְשָׁכַבְתָּ וְעָרְבָה שְׁנָתֶךָ, וְתַשְׁפִּיעַ לוֹ (לָהּ) מֵרֹב טוּב הַצָּפוּן לַצַּדִּיקִים, כְּדִכְתִיב מָה רַב טוּבְךָ אֲשֶׁר צָפַנְתָּ לִּירֵאֶיךָ, וְיִשְׁכּוֹן (וְתִשְׁכּוֹן) בֶּטַח בָּדָד וְשַׁאֲנַן מִפַּחַד רָעָה, וְלֹא יִרְאֶה (תִרְאֶה) פְּנֵי גֵיהִנֹּם, וְלֹא תַעֲנִישׁוֹ (תַעֲנִישָׁהּ) בְּשׁוּם עוֹנֶשׁ, אָנָּא מֶלֶךְ רַחוּם וְחַנּוּן, זְכוֹר נָא הַמִּצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים וְהַתְּשׁוּבָה שֶׁעָשָׂה בְּחַיָּיו (שֶׁעָשְׂתָה בְּחַיֶּיהָ), וְלֹא תִזְכּוֹר לוֹ (לָהּ) שׁוּם חֵטְא וְעָוֹן וָפֶשַׁע כְּלַל, וְתִזְכּוֹר נָא לוֹ (לָהּ) הַיִּסּוּרִים שֶׁסָּבַל (שֶׁסָּבְלָה), וּתְמַלֵּא עָלָיו (עָלֶיהָ) רַחֲמִים לְהֵיטִיב לוֹ (לָהּ) וְלָתֵת לוֹ (לָהּ) עוֹנֶג וָנַחַת, וּלְקֵץ הַיָּמִין יַעֲמוֹד לְגוֹרָלוֹ (תַּעֲמוֹד לְגוֹרָלָהּ), שֶׁיִּחְיֶה (שֶׁתִּחְיֶה) בִּתְחִיַּית הַמֵּתִים עִם כָּל מֵתֵי יִשְׂרָאֵל שֶׁיִּזְכּוּ לִתְחִיָּה, בַּחֲסָדֶיךָ וְרַחֲמֶיךָ הָרַבִּים בְּבִיאַת גּוֹאֲלֵנוּ בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן:

# דינים וואס ווערן דערמאנט אין דעם פרק

אזוי ווי דער ציל פון די משניות איז צו פארגרינגערן דאס לערנען פון די פרקים, דערפאר האבן מיר נישט געשריבן אלע איינצלהייטן פון די דינים, נאר וואס עס פעלט אויס צו וויסן אויף צום לערנען און פארשטיין דעם פרק.

אין דעם פרק ווערט דערמאנט "טומאת מדרס" און "טומאת מת".

## וואס איז דאס "טומאת מדרס"?

אין די תורה (ויקרא ט"ו:ד) שטייט "כל המשכב אשר ישכב עליו הזב יטמא וכל הכלי אשר ישב עליו יטמא" א יעדער געלעגער וואס דער זב וועט אויף אים ליגן, וועט טמא ווערן, און א יעדע כלי וואס דער זב וועט אויף אים זיצן וועט טמא ווערן.

א זב (אדער זבה, נדה און יולדות) איז אן "אב הטומאה" און ער האט א ספעציעלער דין אז ווען ער ליגט, זיצט, אדער לעהנט זיך אן אויף א כלי, ווערט די כלי טמא אפילו זיינע קליידער אדער לייליכער האבן אפגעטיילט צווישן אים און די כלי און ער האט נישט אנגערירט די כלי. דער דין פון "טומאת מדרס" איז נאר ווען די כלי איז באשטימט צו ליגן, צו זיצן אדער זיך אנצולענען דערויף.

ביי "טומאת מדרס" איז דא נאך א הארבקייט, אז דורך "טומאת מדרס" ווערט די כלי אן "אב הטומאה", די זעלבע דרגא טומאה ווי דער זב זעלבסט. ווען דער זב רירט נאר אן א כלי, אן דעם וואס ער זאל ליגן אדער זיצן דערויף, ווערט די כלי א "ראשון לטומאה" וואס איז מיט איין דרגא טומאה נידריגער פון דער זב.

## וואס איז דאס "טומאת מת"?

א "מת" (א טויטע קערפער) איז אן "אבי אבות הטומאה". דאס איז די העכסטע דרגא אין טומאה. א מענטש אדער כלי קען טמא ווערן פון דעם מת, און זיי וועלן ווערן אן "אב הטומאה" וואס איז איין קלענערע דרגא טומאה פון דעם "מת".





דינים וואס ווערן דערמאנט אין דעם פרק

## וועלכע סארט כלים קענען טמא ווערן?

- א כלי וואס איז געמאכט פון האלץ אדער לעדער קען טמא ווערן מן התורה נאר אויב עס האט א "בית קיבול", דאס מיינט אז מען קען דערין האלטן זאכן. אויב איז עס אבער א "פשוטי כלי עץ" דאס מיינט א גלייכע שטיקל האלץ (אן א "בית קיבול") קען עס נישט טמא ווערן אפילו עס איז א כלי (צום ביישפיל א האלצערנער טיש). עס קען אבער יא טמא ווערן טומאת מדרס אויב עס איז באשטימט צו זיצן אדער ליגן דערויף. די חכמים האבן גוזר געווען און געזאגט אז האלץ אדער לעדער וואס האט נישט קיין "בית קיבול" זאל אויך קענען טמא ווערן אנדערע טומאות. עס דארף אבער זיין אז די כלי זאל זיין אזא כלי וואס באדינט אויף דעם מענטש אליין (ד.מ. אז דער מענטש באנוצט זיך דערמיט מיט זיין אייגענע קערפער, נישט בלויז פאר זיינע חפצים).
- א כלי וואס איז געמאכט פון "מתכת" דאס מיינט איינע פון די סארט מעטאלן, צום ביישפיל אייזן, קופער, א.ד.ג. קען טמא ווערן מן התורה אפילו עס איז א "פשוטי כלי מתכת", דאס מיינט א גלייכע שטיקל מעטאל (אן א "בית קיבול").
- א "בגד", דאס מיינט א קלייד אדער א שטיקל סחורה, קען טמא ווערן מן התורה אפילו עס האט נישט קיין "בית קיבול". כדי עס זאל הייסן א "בגד" און עס זאל קענען טמא ווערן, מוז עס זיין א זאך וואס איז באשטימט אז דער מענטש זאל עס אנטוהן אדער נוצן.

## משנה א

# שְׁלֹשָׁה תְּרֵיסִין הֵם. תְּרִיס הַכָּפוּף, טָמֵא מִדְרָס. וְשֶׁמְּשַׂחֲקִין בּוֹ בַּקּוּנְפּוֹן, טָמֵא טְמֵא מֵת. וְדִיצַת הָעַרְבִּיִּין טְהוֹרָה מִכְּלוּם:

### רבינו עובדיה מברטנורא

**שלשה תריסין הן.** שלשה דינים חלוקין זה מזה יש בתריסין דהיינו מגינים: **תריס הכפוף.** [כעין] המלויין אללנו, שמקיפים את האדם משלש רוחות: **טמא מדרס.** דעשוי לשכיבה, ששוכבים עליו במלחמה. וכל שכן שטמא טמא מת, דקיימא לן כל הטמא מדרס טמא טמא מת: **שמשחקים בו בקומפון.** בשדה של עמק המלך באים שנים, כל אחד חרבו בידו, ותריס קטן עגול שאינו כפוף בידו השמאלית, ולמדין להגן כל אחד במגינו שלא יכהו חבירו. וקורין לו אשגרימ"ר בלע"ז: **טמא טמא מת.** והוא הדין שטמא טומאת שרץ ונבילה ושאר טומאות כולן, חוץ ממדרס, שאינו נעשה אב הטומאה אם שכב עליו הזב או ישב, אלא ראשון כמגעו של זב: **ודיצת הערביין.** תריס קטן ביותר שהערביים עושים לדילה ולשמחה ולשחוק, ואינו כלי של תשמיש:

א יעדע משנה אין דעם פרק רעדט פון אן אנדערע כלי וואס עס איז דא דערפון דריי סארטן, און אלע דריי האבן אנדערע דינים לגבי טומאה. אין דעם ערשטן פאל קען די כלי טמא ווערן (אפילו) "טומאת מדרס", און אויך אלע אנדערע טומאות. אין דעם צווייטן פאל קען די כלי טמא ווערן "טומאת מת" און אויך אלע אנדערע גרינגערע טומאות פון "טומאת מת", צום ביישפיל טומאה פון א "שרץ". אין דעם דריטן פאל קען די כלי אינגאנצן נישט טמא ווערן.

**שְׁלֹשָׁה תְּרֵיסִין הֵם.** עס זענען דא דריי סארטן פאנצערס (באשיצערס) וואס יעדעס איינע האט אן אנדערן דין לגבי טומאה,

**תְּרִיס הַכָּפוּף.** דער פאנצער וואס איז איינגעבויגן עס נעמט ארום דעם מענטש פון דריי זייטן, מען שטעלט דאס פארנט פונעם מענטש, אים צו באשיצן פון א פליענדיגע פייל,

**טָמֵא מִדְרָס.** קען טמא ווערן טומאת מדרס און אויך אלע אנדערע טומאות, ווייל אין די צייט פון א מלחמה ווערט דער פאנצער אויך גענוצט אויף זיך אראפצולייגן דערויף,

**וְשֶׁמְּשַׂחֲקִין בּוֹ בַּקּוּנְפּוֹן.** און דער פאנצער וואס מען שפילט זיך דערמיט אין די קעניגליכע פעלד די קעניגען פלעגן דארטן מלחמה האלטן פאר א שפיל, צוויי מענטשן איינער קעגן דעם אנדערן. אין די רעכטע האנט האט מען געהאלטן א שווערד און אין די לינקע האנט האט מען געהאלטן א רונדעכיגען פאנצער, געמאכט פון מעטאל,





## ציורים למשנה א



תריס הכפוף



שמשחקין בו בקנפון



דיצת הערביין

**טָמֵא טְמֵא מֵת.** קען טמא ווערן טומאת מת און אויך אלע אנדערע גרינגערע טומאות פון "טומאת מת", ווייל עס איז א כלי וואס מען באנוצט זיך דערמיט, עס קען אבער נישט טמא ווערן טומאת מדרס ווייל מען נוצט עס נישט אויף צו זיצן דערויף,

**וְדִיצַת הָעַרְבִּיִּין.** און דער פאנצער וואס די אראבער שפילן זיך דערמיט דאס איז זייער א קליינער פאנצער וואס די אראבישע קינדער פלעגן זיך שפילן דערמיט,

**טְהוֹרָה מִכְּלוּם.** איז טהור פון אלעם עס קען אינגאנצן נישט טמא ווערן, ווייל עס איז געמאכט געווארן נאר אויף זיך צו שפילן, מען קען עס נישט אנטוהן און אויך נישט זיצן דערויף, הייסט עס נישט קיין כלי וואס מען באנוצט זיך דערמיט.

## משנה ב

# שָׁלֹשׁ עֲגָלוֹת הֵם. הָעֲשׂוּיָה כְּקָתֶדְרָא, טְמֵאָה מִדְרָס. כְּמִטָּה, טְמֵאָה טְמֵא מֵת. וְשֶׁל אֲבָנִים, טְהוֹרָה מִכְּלוּם:

### רבינו עובדיה מברטנורא

**כקתדרא.** שהיא קצרה ומוקפת משלש רוחות: **טמאה מדרס.** דמיוחדת לישיבה: **כמטה.** שהיא ארוכה ומיוחדת להניח בה פרקמטיא, והשוכב בה אומרים לו עמוד ונעשה מלאכתנו: **ושל אבנים.** העשויה להוליך בה אבנים: **טהורה מכלום.** לפי שפרוצה מתחתיתה נקבים גדולים כמוציא רמון:

**שָׁלֹשׁ עֲגָלוֹת הֵם.** עס זענען דא דריי סארטן וועגעלעך וואס יעדעס איינע האט אן אנדערן דין לגבי טומאה,

**הָעֲשׂוּיָה כְּקָתֶדְרָא.** דער וואגן וואס איז געמאכט ווי א שטוהל עס איז קורץ און ארום גענומען פון אלע דריי זייטן, און איז געמאכט געווארן אז א מענטש זאל זיצן דערויף,

**טְמֵאָה מִדְרָס.** קען טמא ווערן טומאת מדרס ווייל עס איז געמאכט צו זיצן דערויף,

**כְּמִטָּה.** דער וואגן וואס זעהט אויס ווי א בעט עס איז לענגליך און מען טראגט דערמיט סחורה[א],

**טְמֵאָה טְמֵא מֵת.** קען טמא ווערן טומאת מת ווייל עס הייסט א "כלי קיבול" - א כלי וואס קען האלטן דערין זאכן, עס קען אבער נישט טמא ווערן טומאת מדרס ווייל עס איז נישט געמאכט אז א מענטש זאל דערין זיצן אדער ליגן, און אויב א מענטש וועט זיך ארייינלייגן דערין וועט מען אים זאגן "עמוד ונעשה מלאכתנו" שטיי אויף כדי מיר זאלן קענען טוהן אונזער ארבייט,

**וְשֶׁל אֲבָנִים.** און דער וואגן וואס מען פירט דערמיט שטיינער,

**טְהוֹרָה מִכְּלוּם.** איז טהור פון אלעם עס קען אינגאנצן נישט טמא ווערן, ווייל עס האט גרויסע לעכער. דער דין איז אז א כלי וואס האט א לאך אזוי גרויס "כמוציא רמון" דאס מיינט אז א מילגרוים קען אדורך גיין, הייסט עס נישט קיין "כלי קיבול".





## ציורים למשנה ב


העשויה כקתדרא


כמטה


של אבנים

א. אין די צייטן פון די משנה האט מען די וועגעלעך וואס מען האט געפירט דערמיט מענטשן געמאכט קורץ, און די וואס מען האט געפירט פעקלעך האט מען געמאכט לענגליך. אויב מאכט מען א לענגליכע וואגן אויף צו פירן מענטשן קען עס אוודאי אויך טמא ווערן טומאת מדרס. (תפ"י)

## משנה ג

**שָׁלֹשׁ עֲרֵבוֹת הֵן. עֲרֵבָה מִשְּׁנֵי לֹג וְעַד תִּשְׁעָה קַבִּין שֶׁנִּסְדְּקָה, טְמֵאָה מִדְרָס. שְׁלֵמָה, טְמֵאָה טְמֵא מֵת. וְהַבָּאָה בַמִּדָּה, טְהוֹרָה מִכְּלוּם:**

### רבינו עובדיה מברטנורא

**שנסדקה טמאה מדרס.** דכיון שנסדקה ואינה ראויה ללישה, מיחדין אותה לישיבה: **טמאה טמא מת.** דכלי תשמיש היא: **הבאה במדה.** שמחזקת ארבעים סאה בלח שהן כוריים ביבש: **טהורה מכלום.** שמפני כובדה וגודלה אינה מיטלטלת מלאה, ואין דומיא דשק בעינן, דמיטלטל מלא וריקן:

עס שטייט אין די תורה (שמיני י"א) מכל כלי עץ או בגד או עור או שק וגו'. חז"ל לערנען ארויס פון דעם פסוק אז כדי "כלי עץ" (האלצענע כלים) זאלן קענען טמא ווערן דארף עס זיין גלייך צו "שק" (א זאק) וואס מען קען עס ארומטראגן אויך אנגעפולט. די חז"ל האבן געגעבן דעם שיעור אז אויב די כלי איז אזוי גרויס אז עס קען האלטן פערציג סאה אין פליסיגע זאכן קען עס נישט טמא ווערן, ווייל דעמאלט קען מען נישט ארומטראגן די כלי ווען עס איז אנגעפולט צוליב איר שווערקייט.

**שָׁלֹשׁ עֲרֵבוֹת הֵן.** עס זענען דא דריי סארטן שיסלען וואס מען נוצט צום קנעטן, וואס יעדעס איינע האט אן אנדערן דין לגבי טומאה,

**עֲרֵבָה מִשְּׁנֵי לֹג וְעַד תִּשְׁעָה קַבִּין.** א שיסל וואס קען האלטן די מאס פון צוויי (2) לוגין ביז ניין (9) קבין,

**שֶׁנִּסְדְּקָה.** וואס עס האט באקומען א שפאלט,

**טְמֵאָה מִדְרָס.** קען טמא ווערן טומאת מדרס וויבאלד עס האט א שפאלט קען מען נישט קנעטן דערין נאר מען נוצט עס אויף צו זיצן דערויף. ווען עס איז אבער קלענער אדער גרעסער ווי די מאס נוצט מען עס נישט אויף צו זיצן אויך נישט אפילו עס איז געשפאלטן,

**שְׁלֵמָה.** א גאנצע שיסל נישט געשפאלטן,

**טְמֵאָה טְמֵא מֵת.** קען טמא ווערן טומאת מת אפילו עס איז קלענער אדער גרעסער פון די פריער דערמאנטע מאס, עס קען אבער נישט טמא ווערן טומאת מדרס ווייל מען נוצט עס נישט אויף צו זיצן דערויף,

**וְהַבָּאָה בַמִּדָּה.** און אזא שיסל וואס איז גרויס אין איר מאס דאס מיינט זייער א גרויסע שיסל, עס קען האלטן פערציג סאה אין פליסיגע זאכן[א],

**טְהוֹרָה מִכְּלוּם.** איז טהור פון אלעם עס קען אינגאנצן נישט טמא ווערן. (אזוי ווי ערקלערט אין די הקדמה צו די משנה)





### ציורים למשנה ג


ערבה... שנסדקה


שלמה


הבאה במדה

א. דער שיעור דערפון איז, א כלי וואס איז איין (1) אמה ברייט, איין (1) אמה לאנג, און דריי (3) אמות הויך.

שיעורים וואס ווערט דערמאנט אין די משנה:
א סאה איז זעקס (6) קבים
א קב איז פיר (4) לוג
א לוג איז זעקס (6) אייער

## משנה ד

**שָׁלשׁ תֵּבוֹת הֵן. תֵּבָה שֶׁפִּתְחָהּ מִצִּדָּהּ, טְמֵאָה מִדְרָס. מִלְמַעְלָן, טְמֵאָה טְמֵא מֵת. וְהַבָּאָה בַּמִּדָּה, טְהוֹרָה מִכְּלוּם:**

### רבינו עובדיה מברטנורא

**תיבה שפתחה מצדה.** משמשת ישיבה עם מלאכתה, שיכולים להשתמש בה כשהוא יושב, בזמן שפתחה מצדה. מה שאין כן כשפתחה מלמעלן. והבאה במדה דתנן במתניתין שהיא טהורה מכלום, שאינה מיוחדת למדרס קאי. דהטמאה מדרס אפילו באה במדה לעולם היא טמאה:

**שָׁלשׁ תֵּבוֹת הֵן.** עס זענען דא דריי סארטן קאסטענעס וואס יעדעס איינע האט אן אנדערן דין לגבי טומאה,

**תֵּבָה שֶׁפִּתְחָהּ מִצִּדָּהּ.** א קאסטן וואס איר טירל איז פון די זייט,

**טְמֵאָה מִדְרָס.** קען טמא ווערן טומאת מדרס ווייל מען קען זיצן אויף דעם קאסטן אין די זעלבע צייט וואס מען באנוצט זיך דערמיט,

**מִלְמַעְלָן.** אויב די טירל איז פון אויבן,

**טְמֵאָה טְמֵא מֵת.** קען טמא ווערן טומאת מת ווייל עס איז א "כלי קיבול" א כלי וואס מען האלט דערין זאכן, עס קען אבער נישט טמא ווערן טומאת מדרס, ווייל מען קען נישט זיצן אויף דעם קאסטן אין די זעלבע צייט וואס מען באנוצט זיך דערמיט, און אויב איינער וועט זיצן אויפ'ן קאסטן וועט מען אים זאגן "עמוד ונעשה מלאכתנו", שטיי אויף כדי מיר זאלן קענען טוהן אונזער ארבייט,

**וְהַבָּאָה בַּמִּדָּה.** און אזא קאסטן וואס איז גרויס אין מאס דאס מיינט זייער א גרויסער קאסטן, עס קען האלטן פערציג סאה אין פליסיגע זאכן,

**טְהוֹרָה מִכְּלוּם.** איז טהור פון אלעם עס קען אינגאנצן נישט טמא ווערן, ווייל מען קען עס נישט ארומטראגן אנגעפולט צוליב דאס גרויסקייט און שווערקייט, און חז"ל לערנען ארויס פון א פסוק אז כדי א כלי זאל קענען טמא ווערן דארף עס זיין גלייך צו שק (א זאק) וואס מען קען ארומטראגן ליידיגערהייט און אנגעפולטא.





### ציורים למשנה ד



תיבה שפתחה מצדה



מלמעלן



הבאה במדה

א. די משנה רעדט זיך דא אז דער קאסטן האט די עפענונג פון אויבן, קען עס נישט טמא ווערן טומאת מדרס, וויבאלד מען קען נישט זיצן אויף דעם קאסטן, און אויך נישט די אנדערע טומאות צוליב דאס גרויסקייט. ווען עס וואלט געווען א קאסטן וואס מען זאל יא קענען זיצן דערויף, וואלט עס יא געקענט טמא ווערן טומאת מדרס אפילו עס איז גרויס (ברטנורא), און מיר פסק'נען אז א כלי וואס קען טמא ווערן טומאת מדרס, קען טמא ווערן אלע טומאות. (תפ"י אות ט"ו)

## משנה ה

**שְׁלֹשָׁה תַּרְבּוּסִין הֵן. שֶׁל סַפָּרִין, טָמֵא מִדְרָס. שֶׁאוֹכְלִין עָלָיו, טָמֵא טְמֵא מֵת. וְשֶׁל זֵיתִים, טָהוֹר מִכְּלוּם:**

### רבינו עובדיה מברטנורא

**תרבוסים.** כלים של עור כעין ארגזים: **של ספרים.** מקיזים דם: **טמא מדרס.** גדול הוא וחזי ליתיבה או למזגא עליה: **שאוכלים עליו.** כלי תשמיש הוא: **ושל זיתים.** שסוחטין בו הזיתים, לא חשיב כלי של תשמישי אדם:

**שְׁלֹשָׁה תַּרְבּוּסִין הֵן.** עס זענען דא דריי סארטן "תרבוסין" דאס זענען כלים וואס זענען געמאכט פון פעל וואס מען האט אפגעשינדן און עס האט נאך אויף זיך די האר,

**שֶׁל סַפָּרִין.** דער פעל פון די "מקיזי דם" דאס זענען (דאקטוירים) וואס פלעגן ציען בלוט פון מענטשן פאר א רפואה. זיי פלעגן מיטנעמען א קעסטל געמאכט פון פעל, און די מענטשן פון וועמען מען האט געצויגן בלוט פלעגן זיך אנלאהנען אדער אינגאנצן זיך ארויפלייגן דערויף,

**טָמֵא מִדְרָס.** קען טמא ווערן טומאת מדרס ווייל עס איז געמאכט צו זיצן אדער צו ליגן דערויף,

**שֶׁאוֹכְלִין עָלָיו.** דער פעל וואס מען עסט דערויף מען שפרייט עס אויס, און מען לייגט אויף דעם ארויף דאס עסן,

**טָמֵא טְמֵא מֵת.** קען טמא ווערן טומאת מת כאטש עס האט נישט קיין "בית קיבול" ווערט עס אבער טמא מדרבנן ווייל עס הייסט א "כלי תשמיש" א כלי וואס באדינט אויך דעם מענטש אליין (זעה הקדמה צום פרק), עס קען אבער נישט טמא ווערן טומאת מדרס ווייל מען נוצט עס נישט אויף צו זיצן דערויף,

**וְשֶׁל זֵיתִים.** און דער פעל וואס מען נוצט אויסצושפרייטן דערויף איילבירטן איידער מען האט אויסגעקוועטשט די איילבירטן, פלעגט מען דאס אויסשפרייטן כדי עס זאל ווייכער ווערן (תוי"ט),

**טָהוֹר מִכְּלוּם.** איז טהור פון אלעם[א] עס קען אינגאנצן נישט טמא ווערן ווייל עס איז נישט קיין כלי וואס באדינט אויף דעם מענטש אליין.





### ציורים למשנה ה



של ספרין



שאוכלין עליו



של זיתים

א. די משנה רעדט דא פון הארטע לעדער, אויב איז עס ווייכע לעדער וואלט דאס יא געקענט טמא ווערן טומאת מת, וויבאלד מען קען דערמיט איינוויקלען זאכן, הייסט דאס אז עס האט א "בית קיבול". (תפ"י)

## משנה ו

# שָׁלֹשׁ בְּסִיסָיוֹת הֵן. שֶׁלִּפְנֵי הַמִּטָּה וְשֶׁלִּפְנֵי סוֹפְרִים, טְמֵאָה מִדְרָס. וְשֶׁל דְּלוּפְקִי, טְמֵאָה טְמֵא מֵת. וְשֶׁל מִגְדָּל, טְהוֹרָה מִכְּלוּם:

### רבינו עובדיה מברטנורא

**בסיסאות.** ואת כנו מתרגמינן וית בסיסיה: **ושל דלופקי.** כלי עץ שמשימים בו לוחיות ואשישות ואוכלים ומשקים, וממנו נוטלים ונותנים על השלחן. והבסיס שלפניו אינו לישיבה, אבל תורת כלי עליו: **ושל מגדל.** אוצר של עץ ארמריא"ו בלע"ז: **טהורה מכלום.** דלאו כלי הוא ותורתו מוכחת עליו:

**שָׁלֹשׁ בְּסִיסָיוֹת. הֵן** עס זענען דא דריי סארטן פיס-געשטעל א זאך וואס מען טוהט אונטערלייגן אונטער א צווייטע זאך הייסט א "בסיס",[א]

**שֶׁלִּפְנֵי הַמִּטָּה.** דער פיס-געשטעל וואס מען לייגט פאר א בעט די בעט איז געלעגן אויף א גלייך שטיקל האלץ וואס האט געהאט א לייסטל ווי א נידריגע וואנט ארום אלע פיר זייטן, דער מענטש פלעגט אסאך מאל ליגן דערויף,

**וְשֶׁלִּפְנֵי סוֹפְרִים.** דער פיס-געשטעל וואס מען לייגט פאר א שרייבער דער שרייבער פלעגט זיצן דערין און שרייבן,

**טְמֵאָה מִדְרָס.** קען טמא ווערן טומאת מדרס וויבאלד מען ליגט אדער מען זיצט דערין,

**וְשֶׁל דְּלוּפְקִי.** און דער פיס-געשטעל פון דער "דלופקי" די דלופקי איז א קליינער טישל אנצוגרייטן אויף דעם דאס עסן, מען האט פון דעם צוגעטראגן צום טיש אויף וואס מען האט געגעסן, אונטער דעם איז געלעגן די "בסיס",

**טְמֵאָה טְמֵא מֵת.** קען טמא ווערן טומאת מת וויבאלד די "בסיס" איז א כלי, מען האט אויף דעם געהאלטן כלים, (תפ"י)

**וְשֶׁל מִגְדָּל.** און דער פיס-געשטעל פון א שאנק, מען לייגט עס אונטער די שאנק אז די שאנק זאל נישט פארפוילט ווערן,

**טְהוֹרָה מִכְּלוּם.** איז טהור פון אלעם עס קען אינגאנצן נישט טמא ווערן וויבאלד עס איז א גלייך שטיקל האלץ און עס באדינט נישט דעם מענטש.





## ציורים למשנה ו



שלפני המטה



שלפני סופרים



של דלופקי



של מגדל

א. אזוי ווי אין פסוק שטייט את הכיור ואת "כנו", און די תרגום אונקלס טייטשט "וית בסיסיה", און איר בסיס.

## משנה ז

**שָׁלֹשׁ פִּנְקָסִיּוֹת הֵן. הָאֲפִיפוּרִין, טְמֵאָה מִדְרָס. וְשֶׁיֵּשׁ בָּהּ בֵּית קִבּוּל שַׁעֲוָה, טְמֵאָה טְמֵא מֵת. וַחֲלָקָה, טְהוֹרָה מִכְּלוּם:**

### רבינו עובדיה מברטנורא

**שלש פנקסיות הן.** העשויין לכתוב בהן. כמו חנוני על פנקסו: **אפיפורין.** לוח שמניחים עליו אבק של עפר וכותבים בו חשבונות. וגדול הוא וחזי לישיבה: **שיש לה בית קבול שעוה.** לוח שטחין פניו בדונג ורושמין על הדונג בחרט: **וחלקה.** שאין בה שעוה, וכותבים עליה בדיו, ואין לה בית קיבול:

**שָׁלֹשׁ פִּנְקָסִיּוֹת הֵן.** עס זענען דא דריי סארטן שרייב-טאוולען, א שרייב-טאוול געמאכט פון האלץ, פלעגט נוצען למשל דער געשעפטסמאן וואס פלעגט שרייבן און צוזאם רעכענען חשבונות, מען האט געקענט שרייבן און גרינג אויסמעקען און איבערנוצן שטענדיג,

**הָאֲפִיפוּרִין.** דער שרייב-טאוול וואס מען לייגט דערויף שטויב (זאמד), מען פלעגט שרייבן דורך אריינקריצן אין די שטויב,

**טְמֵאָה מִדְרָס.** קען טמא ווערן טומאת מדרס וויבאלד עס איז גרויס און מען נוצט עס אויף צום זיצן אין די צייט וואס מען שרייבט נישט, (מ"א)

**וְשֶׁיֵּשׁ בָּהּ בֵּית קִבּוּל שַׁעֲוָה.** און דער שרייב-טאוול וואס ענהאלט אין איר וואקס מען פלעגט עס אנפולן מיט וואקס און שרייבן דורך אריינקריצן אין די וואקס,

**טְמֵאָה טְמֵא מֵת.** קען טמא ווערן טומאת מת וויל עס איז א כלי וואס האט א "בית קיבול", עס קען אבער נישט טמא ווערן טומאת מדרס וויל מען קען נישט זיצן דערויף,

**וַחֲלָקָה.** און א גלאטע שרייב-טאוול דאס איז געווען א גלאט שטיקל האלץ, מען האט דערויף געשריבן מיט טינט,

**טְהוֹרָה מִכְּלוּם.** איז טהור פון אלעם עס קען אינגאנצען נישט טמא ווערן, וויל עס האט נישט קיין "בית קיבול".





## ציורים למשנה ז



האפיפורין




שיש בה בית קבול שעוה



חלקה

## משנה ח

# שָׁלֹשׁ מִטּוֹת הֵן. הָעֲשׂוּיָה לְשְׁכִיבָה, טְמֵאָה מִדְרָס. שֶׁל זַגָּגִין, טְמֵאָה טְמֵא מֵת. וְשֶׁל סָרָגִין, טְהוֹרָה מִכְּלוּם:

### רבינו עובדיה מברטנורא

**של זגגים.** שמניחים עליה כלי זכוכית: **סרגין.** עושי המרכבות בערבי קורין למרכב סורג, ויש מפרשים, שמסרגים את השבכות, וטהורה מכלום לפי שאינה ממשמשי אדם:

**שָׁלֹשׁ מִטּוֹת הֵן.** עס זענען דא דריי סארטן בעטן, וואס יעדעס איינע האט אן אנדערן דין לגבי טומאה,

**הָעֲשׂוּיָה לְשְׁכִיבָה.** די בעט וואס איז געמאכט אויף צו ליגן,

**טְמֵאָה מִדְרָס.** קען טמא ווערן טומאת מדרס,

**שֶׁל זַגָּגִין.** די בעט פון די גלעזערס מענטשן וואס פארעמען אויס גלאז, זיי פלעגן האבן א האלצערנע בעט וואס אויף דעם פלעגן זיי ארויפלייגן די גלעזערנע כלים וואס זיי האבן געמאכט,

**טְמֵאָה טְמֵא מֵת.** קען טמא ווערן טומאת מת די בעט הייסט א כלי ווייל עס איז אזוי געבויעט אז עס האט א "בית קיבול", עס קען אבער נישט טמא ווערן טומאת מדרס ווייל מען לייגט זיך נישט דערויף,

**וְשֶׁל סָרָגִין.** און די בעט פון די וואס פארעמען אויס רייט וועגענער עס איז געווען ווי א בעט, מען האט דאס געניצט פאר א פארעם צו בויען דערויף רייט וועגענער,

נאך א פשט איז דא:

**וְשֶׁל סָרָגִין.** און די בעט פון די שפינערס מען האט גענוצט די בעט אויף צו שפינען דערויף,

**טְהוֹרָה מִכְּלוּם.** איז טהור פון אלעם עס ווערט אינגאנצן נישט טמא ווייל די בעט האט נישט קיין "בית קיבול", און עס באדינט נישט דעם מענטש אליין.

(זעה הקדמה צום פרק)





## ציורים למשנה ח


של זגגין


של סרגין - פשט א'


של סרגין - פשט ב'

## משנה ט

**שָׁלֹשׁ מַשְׁפֵּלוֹת הֵן. שֶׁל זֶבֶל, טְמֵאָה מִדְרָס. שֶׁל תֶּבֶן, טְמֵאָה טְמֵא מֵת. וְהַפּוּחְלָץ שֶׁל גְּמַלִּים, טָהוֹר מִכְּלוּם:**

### רבינו עובדיה מברטנורא

**משפלות.** קופות עשויות להוציא בהם זבלים לשדות: **של זבל טמאה מדרס.** לפי שראויה לישיבה: **והפוחלץ.** עשוי כעין מכבר מעשה רשת, והנקבים שלו רחבים יותר ממשפלת של תבן, ואינה ראויה אפילו לקבל תבן, שנקביה רחבים ביותר, וגם אינה ראויה לישיבה, שחבלים שלה קשים ואין ראויין לישב עליהן, הלכך טהורה מכלום:

**שָׁלֹשׁ מַשְׁפֵּלוֹת הֵן.** עס זענען דא דריי סארטן קאסטענעס (קוישן), וואס יעדעס איינע האט אן אנדערן דין לגבי טומאה,

**שֶׁל זֶבֶל.** דער קאסטן פאר די מיסט מען טוהט מיט דעם באמיסטיגן די פעלדער, עס איז א האלצערנער קאסטן וואס האט געהאט א טירל אויף די זייט און פון אונטן האט עס געהאט גרויסע לעכער אז די מיסט זאל זיך ארויס שאקלען אויפ'ן פעלד,

**טְמֵאָה מִדְרָס.** קען טמא ווערן טומאת מדרס וויבאלד מען קען אויף דעם זיצן,

**שֶׁל תֶּבֶן.** דער קאסטן וואס מען האלט דערין שטרוי דאס עפענונג דערפון איז פון אויבן,

**טְמֵאָה טְמֵא מֵת.** קען טמא ווערן טומאת מת וויבאלד עס איז א כלי, עס קען אבער נישט טמא ווערן טומאת מדרס וויבאלד מען קען אויף דעם נישט זיצן ווייל דאס עפענונג איז דאך פון אויבן. אן אנדערן פשט איז דא, ווייל דער קאסטן איז געמאכט פון דינע שטעקלעך, עס איז נישט גענוג שטארק מען זאל זיצן דערויף,

**וְהַפּוּחְלָץ שֶׁל גְּמַלִּים.** און דער קאסטן פון די קעמלען עס איז א גרויסער געפלאכטענעם זאק מיט גרויסע לעכער, מען האט דאס אויפגעהאנגען אויפ'ן קעמל און מיט דעם האט עס געשלעפט די פעקלעך,

**טָהוֹר מִכְּלוּם.** איז טהור פון אלעם עס קען אינגאנצן נישט טמא ווערן ווייל עס איז אזוי געפלאכטן אז די לעכער זענען זייער גרויס, עס קען אפילו נישט האלטן קיין שטרוי, הייסט דאס נישט קיין "כלי קיבול", און זיצן אויף דעם קען מען אויך נישט ווייל עס איז זייער הארט.





### ציורים למשנה ט



של זבל



של תבן



פוחלץ של גמלים

## משנה י'

**שְׁלשָׁה מַפָּצִים הֵן. הֶעָשׂוּיָה לִישִׁיבָה, טְמֵאָה מִדְרָס. שֶׁל צַבָּעִין, טָמֵא טְמֵא מֵת. וְשֶׁל גִּתּוֹת טָהוֹר מִכְּלוּם:**

### רבינו עובדיה מברטנורא

**מפצים.** כמין מחצלאות עשויות מחילף ומסיב וקנה וגומא וגמי וכיוצא בהן: **ושל צבעים.** שהצבעים נותנים עליהם הבגדים: **טמא טמא מת.** שאינם מיוחדים לישיבה, אבל תורת כלים יש להן: **ושל גתות.** העשויות לכסות בהן ענבים וזיתים:

**שְׁלשָׁה מַפָּצִים הֵן.** עס זענען דא דריי סארטן אויסשפרייטונגן (מעטט בלע"ז) דאס איז געווען געפלאכטן פון שטעקלעך,

**הֶעָשׂוּיָה לִישִׁיבָה.** די אויסשפרייטונג וואס איז געמאכט געווארן צום זיצן, מען שפרייט דאס אויס אויף דער ערד און מען זיצט דערויף,

**טְמֵאָה מִדְרָס.** קען טמא ווערן טומאת מדרס, ווייל עס איז געמאכט געווארן אויף צום זיצן,

**שֶׁל צַבָּעִין.** די אויסשפרייטונג פון די פארבערס די פארבערס נוצן דאס אויסצושפרייטן דערויף די קליידער וואס זיי האבן געפארבט, אז עס זאל זיך אויסטריקענען,

**טָמֵא טְמֵא מֵת.** קען טמא ווערן טומאת מת וויבאלד מען וויקלט מיט דעם איין די קליידער וואס מען האט געפארבט הייסט דאס ווי עס האט א "בית קיבול" (תפ"י), עס קען אבער נישט טמא ווערן טומאת מדרס ווייל מען זיצט נישט דערויף,

**וְשֶׁל גִּתּוֹת.** און די אויסשפרייטונג וואס מען נוצט ביים צוקוועטשן טרויבן אדער איילבירטן, מען נוצט עס אויף צוצודעקן די טרויבן אדער איילבירטן,

**טָהוֹר מִכְּלוּם.** איז עס טהור פון אלעם עס קען אינגאנצן נישט טמא ווערן ווייל עס איז נישט קיין כלי וואס באדינט אויך דעם מענטש אליין.

(זעה הקדמה צום פרק)





## ציורים למשנה י'



העשויה לישיבה



של צבעין



של גתות

## משנה יא

**שָׁלֹשׁ חֲמָתוֹת וְשָׁלֹשׁ תּוּרְמְלִין הֵן. הַמְקַבְּלִין כַּשִּׁעוּר, טְמֵאִין מִדְרָס. וְשֶׁאֵינָן מְקַבְּלִין כַּשִּׁעוּר, טְמֵאִין טְמֵא מֵת. וְשֶׁל עוֹר הַדָּג, טָהוֹר מִכְּלוּם:**

### רבינו עובדיה מברטנורא

**חמתות.** נאדות של עור: **תורמלין.** כיסין גדולים של עור שהרועה מניח חפציו לתוכן: **המקבלים כשיעור.** המפורש למעלה בריש פרק כריס. החמת של שבעת קבים. והתורמל של חמשת קבין. וכל שכן אם מחזיקים יותר, דאז משמשים ישיבה עם מלאכתן. אבל פחות מכאן לא: **ושל עור הדג טהורים מכלום.** דכל הבא מבריות שבים טהור:

**שָׁלֹשׁ חֲמָתוֹת.** דריי (3) סארטן לעדערנע קריגלעך[א], מען פלעגט עס נוצן צו האלטן דרין געטראנקען ווען מען גייט אויפ'ן וועג,

**וְשָׁלֹשׁ תּוּרְמְלִין הֵן.** און דריי (3) סארטן לעדערנע זעקלעך זענען דא וואס די פאסטוכער פלעגן נוצן צו האלטן דרין זייערע זאכן,

**הַמְקַבְּלִין כַּשִּׁעוּר.** די קריגלעך אדער זעקלעך וואס זענען אזוי גרויס אז זיי קענען דערהאלטן ווי די מאס דערמאנט פריער אין די משנה אין פרק כ' משנה א' זאגט די משנה אז דער שיעור פאר א קריגל איז, אז עס קען האלטן זיבן (7) קבים, און פאר א זאק, אז עס קען האלטן פינף (5) קבים, דעמאלט זענען זיי גענוג גרויס אז מען קען עס אויך נוצן אויף זיך צו לייגן דערויף,

**טְמֵאִין מִדְרָס.** קענען טמא ווערן טומאת מדרס[ב] ווייל מען נוצט עס אויך אויף זיך צו לייגן דערויף,

**וְשֶׁאֵינָן מְקַבְּלִין כַּשִּׁעוּר.** און די קריגלעך אדער זעקלעך וואס קענען נישט דערהאלטן די אויבן דערמאנטע מאס זיי זענען קלענער,

**טְמֵאִין טְמֵא מֵת.** קענען טמא ווערן טומאת מת, ווייל זיי זענען כלים וואס האבן א "בית קיבול", זיי קענען אבער נישט טמא ווערן טומאת מדרס ווייל מען נוצט עס נישט אויף זיך צו לייגן דערויף,

**וְשֶׁל עוֹר הַדָּג.** און דער קריגל אדער זעקל וואס איז געמאכט פון הויט פון פיש,

**טָהוֹר מִכְּלוּם.** איז טהור פון אלעם עס קען אינגאנצן נישט טמא ווערן ווייל מיר לערנען ארויס פון א פסוק[ג] אז כלים וואס זענען געמאכט פון די באשעפענישן פון וואסער, קענען נישט טמא ווערן.





### ציורים למשנה יא


חמתות


תורמלין


של עור הדג

א. מען פלעגט אפשינדן די פעל פון די בהמה גאנצערהייט, און צונייען דעם פלאץ פון די הענט און די פיס, אזוי האט עס געהאט א "בית קיבול".

ב. ווען עס איז גרעסער ווי דעם שיעור, קען עס זיכער טמא ווערן טומאת מדרס, ווי לאנג עס איז נישט אזוי גרויס אז עס קען האלטן פערציג (40) סאה.

ג. אין די תורה (ויקרא יא) שטייט "או בגד או עור או שק" וגו', לערנט די גמרא ארויס, פונקט ווי "בגד" מיינט מען א קלייד וואס עס ווערט געמאכט פון זאכן וואס ווערן אויפגעהאדעוועט אדער וואקסן אויף די ערד ("צמר ופשתים"), דאס זעלבע מוז אויך זיין "או עור" פון א סארט וואס איז אויף דער ערד, נישט פון וואסער.

## משנה יב

**שְׁלֹשָׁה עוֹרוֹת הֵן. הֶעָשׂוּי לְשָׁטִיחַ, טָמֵא מִדְרָס. לְתַכְרִיךְ הַכֵּלִים, טָמֵא טְמֵא מֵת. וְשֶׁל רְצוּעוֹת וְשֶׁל סַנְדְּלִים, טְהוֹרָה מִכְּלוּם:**

### רבינו עובדיה מברטנורא

**לשטיח.** לפשוט בארץ לישב עליו: **לתכריך הכלים.** לכרוך בו את הכלים, כגון סכינים ומספריים ומחטים כדי לשמרן: **ושל רצועות ושל סנדלים.** עור העומד לחתוך ממנו רצועות וסנדלים, טהור מכלום, דמחוסר מלאכה הוא. אבל רצועות המתוקנים כבר, טמאות, כדמוכח במסכת נגעים פרק י"א:

**שְׁלֹשָׁה עוֹרוֹת הֵן** עס זענען דא דריי סארטן לעדער מען רעדט פון גלייכע שטיקלעך לעדער, וואס א יעדע איינע האט אן אנדערן דין לגבי טומאה, וויבאלד מען נוצט עס אויף דריי (3) אנדערע זאכן,

**הֶעָשׂוּי לְשָׁטִיחַ.** די לעדער וואס איז געמאכט אויף אויסצושפרייטן אויף דער ערד צו קענען זיצן דערויף,

**טָמֵא מִדְרָס.** קען טמא ווערן טומאת מדרס וויבאלד עס איז געמאכט צו זיצן דערויף,

**לְתַכְרִיךְ הַכֵּלִים.** די לעדער וואס איז געמאכט אויף איינצואוויקלען דערמיט כלים צוםביישפיל מעסערס, שערליך, נאדלען און דאס גלייכן,

**טָמֵא טְמֵא מֵת.** קען טמא ווערן טומאת מת וויבאלד מען קען די לעדער אזוי איינוויקלען אז עס זאל האלטן די כלים, הייסט דאס ווי עס האט א "בית קיבול", עס קען אבער נישט טמא ווערן טומאת מדרס ווייל מען זיצט נישט דערויף,

**וְשֶׁל רְצוּעוֹת.** און די לעדער וואס מען גייט דערפון שניידן רצועות (רימען),

**וְשֶׁל סַנְדְּלִים.** און די לעדער וואס מען גייט דערפון שניידן שטיקלעך אויף צו מאכן שיך,

**טְהוֹרָה מִכְּלוּם.** זענען טהור פון אלעם זיי קענען אינגאנצן נישט טמא ווערן ווייל עס פעלט נאך אויס צו טוהן ארבייט מיט די לעדער אז עס זאל הייסן שיך אדער רצועות.





## ציורים למשנה יב



העשוי לשטיח



לתכריך הכלים



של רצועות ושל סנדלים

## משנה יג

# שְׁלֹשָׁה סְדִינִין הֵן. הֶעָשׂוּי לִשְׁכִיבָה, טָמֵא מִדְרָס. לְוִילוֹן, טָמֵא טְמֵא מֵת, וְשֶׁל צוּרוֹת, טָהוֹר מִכְּלוּם:

### רבינו עובדיה מברטנורא

**לוילון טמא טמא מת.** העשוי למסך לפני הפתח, טמא, לפי שהשמש מתעטף בשוליו לפעמים ומתחמם בו: **של צורות.** בגד שהוא ביד רוקם ובו מיני צורות כדי לראות בו לעשות כמותו בבגד אחר:

**שְׁלֹשָׁה סְדִינִין הֵן.** עס זענען דא דריי סארטן ליילעכער, וואס יעדעס איינע האט אן אנדערן דין לגבי טומאה,

**הֶעָשׂוּי לִשְׁכִיבָה.** דער ליילעך וואס איז געמאכט אויף צו ליגן דערויף,

**טָמֵא מִדְרָס.** קען טמא ווערן טומאת מדרס,

**לְוִילוֹן.** דער ליילעך וואס איז געמאכט צו נוצן פאר א פורהאנג ביי די טיר,

**טָמֵא טְמֵא מֵת.** קען טמא ווערן טומאת מת ווייל דער באדינער וואס שטייט ביי די טיר טוט זיך צומאל ארומוויקלען מיט די פורהאנג זיך צו דערווארעמען, הייסט דאס א "בגד", א קלייד וואס קען טמא ווערן,

**וְשֶׁל צוּרוֹת.** און דער ליילעך וואס האט אויף זיך בילדערא די וואס פלעגן אויפנייען קליידער מיט בילדער פלעגן האבן א ליילעך מיט אסאך ערליי בילדער, דאס האט מען גענוצט פאר א מוסטער, אויף נאכצומאכן אויף אן אנדערע קלייד,

**טָהוֹר מִכְּלוּם.** איז טהור פון אלעם עס קען אינגאנצן נישט טמא ווערן, עס הייסט נישט קיין "בגד" ווייל עס איז געמאכט נאר אויף זיך אויסצולערנען דערפון, ווי אזוי צו נייען אויף אן אנדערע קלייד.





## ציורים למשנה יג



לוילון



של צורות

## משנה יד

**שָׁלֹשׁ מִטְפָּחוֹת הֵן. שֶׁל יָדַיִם, טְמֵאָה מִדְרָס. שֶׁל סְפָרִין, טְמֵאָה טְמֵא מֵת. וְשֶׁל תַּכְרִיךְ** (ס"א ל"ג **וְשֶׁל**) **נִבְלֵי בְנֵי לֵוִי, טְהוֹרָה מִכְּלוּם:**

### רבינו עובדיה מברטנורא

**של ידים טמאה מדרס.** לפי שפעמים נותנה על הכסת וישן עליה: **ושל תכריך נבלי בני לוי.** שהיו הלוים כורכים כלי השיר שלהן במטפחת, ודרך שאר בני אדם לעשות להן תיק של עור, ואף הן טהורים:

**שָׁלֹשׁ מִטְפָּחוֹת הֵן.** עס זענען דא דריי סארטן טיכער, וואס יעדעס איינע האט אן אנדערן דין לגבי טומאה,

**שֶׁל יָדַיִם.** די האנטוך מען נוצט עס אויף אפצואווישן די הענט,

**טְמֵאָה מִדְרָס.** קען טמא ווערן טומאת מדרס ווייל א טייל מאל שפרייט מען דאס אויס אויף די געלעגער און מען ליגט דערויף[א],

**שֶׁל סְפָרִין.** די וואס מען וויקלט איין דערמיט ספרים, מען נוצט דאס אויך אויף אנדערע זאכן, (תפ"י)

**טְמֵאָה טְמֵא מֵת.** קען טמא ווערן טומאת מת ווייל עס איז א כלי וואס באדינט אויף דעם מענטש, עס קען אבער נישט טמא ווערן טומאת מדרס ווייל מען זיצט נישט דערויף,

**וְשֶׁל תַּכְרִיךְ נִבְלֵי בְנֵי לֵוִי.** און די וואס די לוים פלעגן דערמיט ארומוויקלען זייערע מוזיק אינסטרומענטן,[ב]

עס זענען דא וואס לערנען:

**וְשֶׁל תַּכְרִיךְ.** און די וואס איז געמאכט ארומצואוויקלען א טויטן מענטש,

**וְשֶׁל נִבְלֵי בְנֵי לֵוִי.** און די וואס די לוים פלעגן דערמיט ארומוויקלען זייערע מוזיק אינסטרומענטן,

**טְהוֹרָה מִכְּלוּם.** איז טהור פון אלעם עס קען אינגאנצן נישט טמא ווערן, די תכריכים פאר א טויטן - ווייל מען טאר נישט הנאה האבן דערפון. אויך די טיכער פון די לוים טאר מען נישט הנאה האבן דערפון ווייל עס איז "הקדש", הייסען זיי נישט קיין כלים וואס באדינען דעם מענטש.





### ציורים למשנה יד



של ידים



של ספרין



של תכריך נבלי בני לוי



של תכריך נבלי בני לוי
(לפי מ"א)

א. עס רעדט זיך ווען די האנטוך איז אזוי גרויס, אז ווען מען שפרייט דאס אויס ליגט רוב פון דעם קערפער אויף די האנטוך. (מ"א)

ב. די משנה אחרונה לערנט "ושל תכריך" מיינט, די טיכער וואס מען האט ארומגעוויקלט די "תכריך", דאס מיינט מען האט ארומגעוויקלט די האלטער פון די מוזיק אינסטרומענטן עס זאל נישט ווערן שטויביג, און עס קען נישט טמא ווערן ווייל עס הייסט נישט קיין כלי נאר א צודעק.

## משנה טו

**שְׁלשָׁה פְּרַקְלִינִין הֵן. שֶׁל צַדֵּי חַיָּה וָעוֹף, טָמֵא מִדְרָס. שֶׁל חֲגָבִין, טָמֵא טְמֵא מֵת. וְשֶׁל קַיָּצִין (ס"א קוֹצִין), טָהוֹר מִכְּלוּם:**

### רבינו עובדיה מברטנורא

**פרקלינין.** צורת יד של עור שנושאים ציידי עופות כשתופסים בידיהן העוף שקורין אשטו"ר ואשפרוי"ר ובו יוצאים לצוד חיה או עוף: **טמא מדרס.** לפי שנשען עליו: **ושל חגבים.** ההולכים לצוד חגבים ונותנים אותם בו: **ושל קוצים.** ללקט קוצים, ואית דגרסי, של קייצים, המייבשים פירות הקיץ, כגון העושים גרוגרות ולמוקים בשדה:

**שְׁלשָׁה פְּרַקְלִינִין הֵן.** עס זענען דא דריי סארטן הענטשיכער געמאכט פון לעדער,

**שֶׁל צַדֵּי חַיָּה וָעוֹף.** די הענטשיך פון די וואס פאנגען חיות אין פייגלעך, זיי פלעגן אנטוהן א גרויסע הענטשיך[א], און די סארט פייגל וואס האט געקענט כאפן קליינע פויגל אדער חיות פלעגט זיצן אויף די הענטשיך, און דער מענטש האט געלערנט די פייגל ווען צו פליען און כאפן די פויגל אדער חיה,

**טָמֵא מִדְרָס.** קען טמא ווערן טומאת מדרס ווייל דער מענטש לעהנט זיך אן דערויף ווען ער קריכט אויף בערג (סדרי טהרות), אדער ווייל מען נוצט עס אין פעלד אויף צו זיצן דערויף (תפ"י)

**שֶׁל חֲגָבִין.** די הענטשיך פון די וואס פאנגען היישעריקן מען פלעגט כאפן די היישעריקן און עס ארייגלייגן אין די הענטשיך,

**טָמֵא טְמֵא מֵת.** קען טמא ווערן טומאת מת וויבאלד עס האט א "בית קיבול", מען לייגט אין דעם אריין די היישעריקן, עס קען אבער נישט טמא ווערן טומאת מדרס ווייל עס איז קליין, מען לעהנט זיך נישט אן און מען זיצט נישט דערויף,

**וְשֶׁל קַיָּצִין.** און די הענטשיך פון די וואס האבן געטרוקנט זומער פרוכט די הענטשיך האט באשיצט זיין האנט עס זאל זיך נישט פארשמירן,

עס זענען דא וואס לערנען:

**וְשֶׁל קוֹצִין.** און די הענטשיך פון די וואס קלויבן דערנער די הענטשיך האט באשיצט זיין האנט פון די שטעכעדיגע דערנער,

**טָהוֹר מִכְּלוּם.** איז טהור פון אלעם[ב] עס קען אינגאנצן נישט טמא ווערן, ווייל עס איז געמאכט נאר אויף צו באשיצן זיינע הענט.





### ציורים למשנה טו



של צדי חיה ועוף



של חגבין



של קוצין

א. עס האט נישט געהאט קיין "בית קיבול", די שפיץ פון דער מענטשנ'ס פינגערס האבן זיך ארויסגעשטעקט פון די הענטשיך. (תפ"י)

ב. מען רעדט דא (אזוי ווי עס שטייט אין פרק כ"ו משנה ג') אז דער הענטשיך איז נישט אזוי גרויס אז עס זאל קענען האלטן א סארט פרוכט וואס רופט זיך "אוג". דאס איז א רויטע פרוכט וואס די וואס פלעגן קלויבן דערנער פלעגן אויך קלויבן די פרוכט, אז מען טרעפט אזא פרוכט פלעגט מען דאס ארייגלייגן אין די הענטשיך, ווען עס זאל זיין אזוי גרויס אז עס קען האלטן די פרוכט, קען עס יא טמא ווערן. (תפ"י)

## משנה טז

**שָׁלֹשׁ סְבָכוֹת הֵן. שֶׁל יַלְדָּה, טְמֵאָה טוּמְאַת מִדְרָס. שֶׁל זְקֵנָה, טְמֵאָה טְמֵא מֵת. וְשֶׁל יוֹצֵאת לַחוּץ, טְהוֹרָה מִכְּלוּם:**

### רבינו עובדיה מברטנורא

**סבכות.** כיפה שנושאות הנשים על ראשן, עשויה כעין רשת שיש בה נקבים דקין: **של ילדה.** ראוי לישיבה, ולכך טמאה מדרס: **של זקנה.** מעשיה מוכיחים עליה שאינה ראויה לישיבה. ובתוספתא תניא, של זקנה טמאה מדרס, שאינה מקפדת עליה ופעמים יושבת עליה. ושל ילדה שמקפדת על כליה אינה יושבת עליה, ולכך טמאה טמא מת: **ושל יוצאות החוץ.** סודר שנותנות הנשים על ראשן כשיוצאות לחוץ. ויש מפרשים, יוצאות החוץ, תרגום זונה נפקת ברא, כלומר סבכות של זונות: **טהורות.** לפי שאינן חשובות כלי. פירוש אחר, סבכות שנקרעו ורוב שער האשה יוצא לחוץ, שאינן מקבלות רוב שער ראשה של אשה:

**שָׁלֹשׁ סְבָכוֹת הֵן.** עס זענען דא דריי סארטן קאפ-צודעקן, עס איז געמאכט ווי א נעץ, די פרויען באדעקען זיך מיט דעם די האר פון קאפ,

**שֶׁל יַלְדָּה.** דער קאפ-צודעק פון א יונגע פרוי,

**טְמֵאָה טוּמְאַת מִדְרָס.** קען טמא ווערן טומאת מדרס, ווייל עס איז ווייך און מען קען אויף דעם זיצן,

**שֶׁל זְקֵנָה.** דער קאפ-צודעק פון אן אלטע פרוי,

**טְמֵאָה טְמֵא מֵת.** קען טמא ווערן טומאת מת, ווייל עס איז א "בגד", עס ווערט אבער נישט טמא טומאת מדרס, ווייל עס איז געמאכט פון הארטע סחורה און מען קען אויף דעם נישט זיצן[א],

**וְשֶׁל יוֹצֵאת לַחוּץ.** און די טיכל וואס די פרויען טוען אן ווען זיי גייען ארויס אויף די גאס, דאס איז געווען א קליינע טיכל וואס מען האט אנגעהאט אויף די קאפ-צודעק צוליב צניעות אדער אלס צירונג,

**טְהוֹרָה מִכְּלוּם.** איז טהור פון אלעם עס קען אינגאנצן נישט טמא ווערן, ווייל עס איז קלענער ווי די מאס וואס א קלייד דארף זיין אז עס זאל קענען טמא ווערן, (תפ"י)

נאך א פשט:

**וְשֶׁל יוֹצֵאת לַחוּץ.** דער קאפ-צודעק וואס איז צעריסן אזוי אז רוב פון די פרוי'ס האר שטעקן זיך ארויס דערפון,

**טְהוֹרָה מִכְּלוּם.** איז טהור פון אלעם עס קען אינגאנצן נישט טמא ווערן, עס הייסט שוין נישט קיין "בגד" ווייל עס איז שטארק צעריסן.





### ציורים למשנה טז



סבכות של ילדה, של זקנה



של יוצאת לחוץ



של יוצאת לחוץ - פשט ב'

א. די תוספתא לערנט פארקערט, די פון אן אלטע פרוי קען טמא ווערן טומאת מדרס, ווייל זי איז נישט מקפיד און צומאל זיצט זי דערויף, אבער די פון די יונגע פרוי קען טמא ווערן טומאת מת אבער נישט טומאת מדרס ווייל זי איז מקפיד נישט צו זיצן אויף אירע קליידער.

## משנה יז

**שָׁלֹשׁ קֻפּוֹת הֵן. מְהוּהָה שֶׁטְּלָיָיהּ עַל הַבְּרִיָּה, הוֹלְכִין אַחַר הַבְּרִיָּה. קְטַנָּה עַל הַגְּדוֹלָה, הוֹלְכִין אַחַר הַגְּדוֹלָה. הָיוּ שָׁווֹת, הוֹלְכִין אַחַר הַפְּנִימִית.**

### רבינו עובדיה מברטנורא

**מהוהה.** בגד ישן ובלוי: **שטלייה.** כמו שטלאה. מלשון טלאי על גבי טלאי. כלומר שאם היתה טלאי על החדשה: **הולכים אחר הבריאה.** דנין אותה כדין הבריאה, אם טמאה טמאה, ואם טהורה טהורה: **קטנה על הגדולה.** בין שתיהן מהוהות בין שתיהן בריאות: **הולכים אחר הגדולה.** ואם הגדולה נקובה כמוציא רמון, שבשבירה כזו נטהרה, גם הקטנה המחוברת עמה טהורה אע"פ שהיא שלימה. ואם הגדולה שלימה והרי היא מקבלת טומאה, אף הקטנה המחוברת עמה טמאה אע"פ שהיא נקובה כמוציא רמון: **הולכים אחר הפנימית.** אם טמאה הפנימית טמאה החיצונה, ואם הפנימית טהורה החיצונה נמי טהורה:

די משנה רעדט דא פון א קויש וואס מען האט ארויפגעלאטעט, מען האט עס באהאפטן אויף אן אנדערן קויש. צום ביישפיל: איין קויש איז געווען אפגעריבן אדער עס האט געהאט א לאך און מען האט איבערגעצויגן איבער דעם אן אנדערן קויש. די שאלה איז, אויב איין קויש ווערט טמא וואס איז די דין מיט דעם אנדערן?

**שָׁלֹשׁ קֻפּוֹת הֵן.** עס זענען דא דריי אנדערע דינים ביי קוישן א קויש איז געווען געפלאכטן פון שטעקליך (אדער פון דיקע סחורה)

**מְהוּהָה שֶׁטְּלָיָיהּ עַל הַבְּרִיָּה.** א פארפוילטע אלטע און אויסגענוצטע וואס מען האט צוגעלאטעט אויף א געזונטע א גוטע און א נייע,

**הוֹלְכִין אַחַר הַבְּרִיָּה.** גייט מען נאך די געזונטע אויב די גוטע קויש איז טמא וועט די פארפוילטע קויש אויך זיין טמא, אויב די גוטע קויש איז טהור וועט די פארפוילטע קויש אויך זיין טהור,

**קְטַנָּה עַל הַגְּדוֹלָה.** אויב לייגט מען א קליינע קויש איבער א גרויסע דא רעדט מען ווען זיי זענען ביידע געזונטע אדער ביידע פארפוילטע,

**הוֹלְכִין אַחַר הַגְּדוֹלָה.** גייט מען נאך די גרויסע, אויב די גרויסע איז טמא וועט די קליינע אויך זיין טמא, אויב די גרויסע איז טהור וועט די קליינע אויך זיין טהור,





### ציורים למשנה יז



מהוהה שטליה על הבריה



קטנה על הגדולה

**הָיוּ שָׁווֹת.** אויב זיי זענען געווען אייניג זיי זענען געווען ביידע די זעלבע גרויס, אויך זענען זיי ביידע געזונטע אדער ביידע פארפוילטע,

**הוֹלְכִין אַחַר הַפְּנִימִית.** גייט מען נאך די אינעווייניגסטע, אויב די אינעווייניגסטע איז טמא וועט די אויסענווייניגסטע אויך זיין טמא, אויב די אינעווייניגסטע איז טהור וועט די אויסענווייניגסטע אויך זיין טהור, ווייל די אינעווייניגסטע הייסט דער עיקר פון די כלי.

# רַבִּי שִׁמְעוֹן אוֹמֵר, כַּף מֹאזְנַיִם שֶׁטְּלָיָיהּ עַל שׁוּלֵי הַמֵּיחַם מִבִּפְנִים, טָמֵא. מִבַּחוּץ, טָהוֹר. טְלָיָהּ עַל צִדָּהּ, בֵּין מִבִּפְנִים בֵּין מִבַּחוּץ, טָהוֹר:

## רבינו עובדיה מברטנורא

**ר' שמעון אומר כף מאזנים.** לפרושי מלתא דתנא קמא קאתי. ובכף מאזנים של מתכות טמאה איירי, דאם טלאה בתחתית המיחם בפנים, טמא המיחם. ואם טלאה מבחוץ, טהור המיחם: **טלייה על צדה.** שהדביק הטלאי על דפנות המיחם, לא בתחתיתו, בין מבחוץ בין מבפנים טהור. ומסקנא דכולה פרקין וטעמא דכולהו טמא מדרס וטמא מת וטהור מכלום האמורים כאן, הוא, דכל דבר הראוי לשכיבה והוא שיהיה עשוי לשכיבה או לישיבה או להשען עליו, טמא מדרס. לבד אם הוא כלי חרס, דאינו מטמא מדרס, דהכי ילפינן מקרא דכתיב (ויקרא טו) ואיש אשר יגע במשכבו, מקיש משכבו לו, מה הוא יש לו טהרה במקוה, אף משכבו שיש לו טהרה במקוה, יצא כלי חרס שאין לו טהרה במקוה. והמפץ העשוי לשכיבה אע"פ שאין לו טהרה במקוה מדכתיב (שם יא) כל כלי אשר יעשה מלאכה בהם במים יובא, והאי לאו כלי הוא, מכל מקום טמא מדרס דמרבינן ליה מקרא דכתיב כל המשכב, כל, לרבות את המפץ. ואין לו טהרה עד שיחתך וישאר ממנו פחות משש על שש. וכלי אבנים וכלי גללים וכלי אדמה טהורים מכלום. וכן כל דבר הבא מן הים טהור. וכלי עץ הבא במדה שמחזיק ארבעים סאה בלח שהם כורים ביבש, נמי טהור מכלום, לפי שאינו מיטלטל מלא. וכן דבר שאין עליו תורת כלי, או שיש לו תורת כלי ואינו ממשמשי אדם אלא משמשי משמשיו, טהור, כגון תרבוס של זיתים, ומפץ של גתות, וסדין של צורות, דאמרינן במתניתין שהן טהורין מכלום, דלא חשיבי כלים של משמשי אדם:

**רַבִּי שִׁמְעוֹן אוֹמֵר.** רבי שמעון זאגט,

**כַּף מֹאזְנַיִם שֶׁטְּלָיָיהּ עַל שׁוּלֵי הַמֵּיחַם.** א שאל (דאס איז די טעלער) פון די וואגשאל וואס מען האט צוגעלאטעט אויף די אונטערשטע טייל פון דעם וואסער-קעסעל דא רעדט מען אז דער וואסער־קעסל איז געווארן אפגעריבן און אויסגעדינט פון די פייער, האט מען גענומען א שאל פון די וואגשאל וואס איז געווען טמא און עס באהאפטן צו דעם אונטערשטן טייל פון דער וואסער־קעסל,

**מִבִּפְנִים, טָמֵא.** אויב האט מען עס באהאפטן פון אינעווייניג פון דעם וואסער-קעסל ווערט דער וואסער-קעסל אויך טמא פונקט ווי די שאל,

**מִבַּחוּץ, טָהוֹר.** אויב האט מען עס באהאפטן פון אינדרויסן פון דעם וואסער-קעסל ווערט די שאל אויך טהור פונקט ווי דער וואסער־קעסל.





### ציורים למשנה יז



כף מאזנים



מבפנים מבחוץ טליה על צדה

רבי שמעון האלט אזוי ווי דער תנא קמא וואס לערנט אין די משנה אז אויב זענעןביידע קוישן געזונטע, אויך זענען זיי ביידע אייניג גרויס גייט מען נאך די אינעווייניגסטע, קומט רבי שמעון און זאגט אז דא וואו דער שאל איז די "געזונטע" און דער וואסער־קעסל איז די "גרויסע", האט דאך א יעדע איינע א מעלה איבער די צווייטע, הייסט דאס אויך אז זיי זענען ביידע אייניג, און מען גייט לויט די אינעווייניגסטע, (מ"א)

**טְלָיָהּ עַל צִדָּהּ.** אויב האט מען צוגעלאטעט די שאל אויף די זייט פון דעם וואסער־קעסל,

**בֵּין מִבִּפְנִים בֵּין מִבַּחוּץ.** סיי מען האט עס צוגעלאטעט פון אינעווייניג, סיי מען האט עס צוגעלאטעט פון אינדרויסן פון דעם וואסער-קעסל,

**טָהוֹר.** איז עס טהור דער וואסער־קעסל און אויך די שאל, ווייל דא האט נישט די שאל די מעלה "געזונטע" איבער דעם וואסער-קעסל ווייל די זייט פון דעם וואסער־קעסל ווערט נישט אזוי שטארק אפגעריבען פון די פייער, הייסט דאס אויך א "געזונטע", וועגן דעם גייט מען דא לויט די גרויסע.

משניות

# אבן יקר

## מסכת מקואות פרק ז

עם פירוש ר"ע מברטנורא



## משנה א

**יֵשׁ מַעֲלִין אֶת הַמִּקְוֶה, וְלֹא פּוֹסְלִין. פּוֹסְלִין, וְלֹא מַעֲלִין. לֹא מַעֲלִין, וְלֹא פּוֹסְלִין. אֵלּוּ מַעֲלִין וְלֹא פּוֹסְלִין. הַשֶּׁלֶג, וְהַבָּרָד, וְהַכְּפוֹר, וְהַגְּלִיד, וְהַמֶּלַח, וְהַטִּיט הַנָּרוֹק. אָמַר רַבִּי עֲקִיבָא, הָיָה רַבִּי יִשְׁמָעֵאל דָּן כְּנֶגְדִּי, לוֹמַר הַשֶּׁלֶג אֵינוֹ מַעֲלֶה אֶת הַמִּקְוֶה. וְהֵעִידוּ אַנְשֵׁי מֵידְבָא מִשְּׁמוֹ, שֶׁאָמַר לָהֶם, צְאוּ וְהָבִיאוּ שֶׁלֶג, וַעֲשׂוּ מִקְוֶה בַּתְּחִלָּה. רַבִּי**

### רבינו עובדיה מברטנורא

**יש מעלין.** משלימין לארבעים סאה: **ולא פוסלין.** בשלשה לוגין שאובין. וכולהו מפרש כילד: **הכפור.** גשמים שיורדין נקפים: **גליד.** מים שקפאו על פני הארץ או על פני המים: **טיט הנרוק.**

א מקוה דארף האבן צום ווייניגסטן פערציג סאה וואסער אז עס זאל זיין כשר. דאס וואסער טאר נישט זיין אנגעשעפט מיט א כלי, דאס רופט זיך "מים שאובים", נאר עס דארף אריין רינען פון רעגן וואסער. א מקוה וואס האט נאך נישט געהאט פערציג סאה כשר וואסער און מען האט דערין אריינגעגאסען דריי לוגין אנגעשעפטע וואסער, ווערט די מקוה פסול.

**יֵשׁ מַעֲלִין אֶת הַמִּקְוֶה.** עס זענען דא זאכן וואס אפילו זיי זענען אנגעשעפט מיט א כלי קענען זיי ארויפברענגען די מקוה מען קען די זאכן צורעכענען צו א מקוה וואס האט נאכנישט קיין פערציג סאה, **וְלֹא פּוֹסְלִין.** און זיי טוהן נישט פסל'ן זיי פסל'ן נישט די מקוה דורך דריי לוגין אנגעשעפט, **פּוֹסְלִין, וְלֹא מַעֲלִין.** עס זענען דא וואס פסל'ן דורך דריי לוגין אנגעשעפט און זיי טוען נישט מעלה זיין אפילו מיט ווייניגער פון דריי לוגין, **לֹא מַעֲלִין, וְלֹא פּוֹסְלִין.** עס זענען דא וואס טוען נישט מעלה זיין און נישט פסל'ן אפילו מען האט געלייגט מער פון דריי לוגין,

די משנה גייט יעצט מפרש זיין וועלכע זאכן זענען "מעלין ולא פוסלין":

**אֵלּוּ מַעֲלִין.** די קענען מעלה זיין אפילו זיי זענען אנגעשעפט מיט א כלי און זיי זענען מער ווי דריי (3) לוגין, **וְלֹא פּוֹסְלִין.** און אוודאי אז זיי טוען נישט פסל'ן **הַשֶּׁלֶג.** שניי, **וְהַבָּרָד.** און האגל, **וְהַכְּפוֹר.** און רעגענדיגע אייז, **וְהַגְּלִיד.** און אייז וואס איז געווארן פון וואסער אויף די ערד, **וְהַמֶּלַח.** און זאלץ, **וְהַטִּיט הַנָּרוֹק.** און רינעדיגע ליים,

**אָמַר רַבִּי עֲקִיבָא.** האט רבי עקיבא געזאגט, **הָיָה רַבִּי יִשְׁמָעֵאל דָּן כְּנֶגְדִּי.** רבי ישמעאל האט זיך געשפארט מיט מיר, **לוֹמַר.** צו זאגן, **הַשֶּׁלֶג אֵינוֹ מַעֲלֶה אֶת הַמִּקְוֶה.** שניי קען נישט מעלה זיין די מקוה[א] אפילו עס איז נישט אנגעשעפט, **וְהֵעִידוּ אַנְשֵׁי מֵידְבָא מִשְּׁמוֹ.** אבער די מענטשן פון די שטאט מידבא האבן עדות געזאגט פון זיין נאמען פון רבי ישמעאל, **שֶׁאָמַר לָהֶם.** אז ער האט זיי געזאגט, **צְאוּ וְהָבִיאוּ שֶׁלֶג.** גייטס ארויס און ברענגטס שניי, **וַעֲשׂוּ מִקְוֶה.** און מאכטס א מקוה פון די שניי, **בַּתְּחִלָּה.** פון אנהייב ער האט געפסקנט אז נישט נאר אז די שניי קען מעלה זיין די מקוה, נאר מען קען אפילו מאכן א נייע מקוה פון שניי,[ב]

**רַבִּי יוֹחָנָן בֶּן נוּרִי אוֹמֵר.** רבי יוחנן בן נורי





**יוֹחָנָן בֶּן נוּרִי אוֹמֵר, אֶבֶן הַבָּרָד כַּמַּיִם. כֵּיצַד מַעֲלִין וְלֹא פּוֹסְלִין, מִקְוֶה שֶׁיֵּשׁ בּוֹ אַרְבָּעִים סְאָה חָסֵר אַחַת, נָפַל מֵהֶם סְאָה לְתוֹכוֹ, וְהֶעֱלָהוּ. נִמְצְאוּ, מַעֲלִין וְלֹא פּוֹסְלִין:**

### רבינו עובדיה מברטנורא

טיט רך ורקיק שנעשה כמו רוק: **אבן הברד כמים.** כמים שאובים דאמרינן לקמן פוסלים ולא מעלים. ואין הלכה כר' יוחנן בן נורי. והלכה כעדותן של אנשי מידבא שעושין מקוה מן השלג אפילו לכתחילה: **נמצאו מעלין.** שהשלימוהו: **ולא פוסלין.** בשלשה לוגין שאובין. שהרי סאה היא הרבה יותר משלשה לוגין, ולא נפסל המקוה בכך:

זאגט ער קריגט אויף דער תנא קמא, **אֶבֶן הַבָּרָד כַּמַּיִם.** האגל-שטיינער איז אזוי ווי וואסער[ג] עס האט דעם זעלבן דין ווי וואסער, אז מען וועט אריינלייגן דריי לוגין האגל-שטיינער אנגעשעפט מיט א כלי, וועט עס יא פסל'ן די מקוה,

די משנה גייט יעצט מפרש זיין ווי אזוי איז "מעלין ולא פוסלין":

**כֵּיצַד מַעֲלִין וְלֹא פּוֹסְלִין.** ווי אזוי טוען זיי די פריער דערמאנטע זאכן מעלה זיין די מקוה און נישט פסל'ן, **מִקְוֶה שֶׁיֵּשׁ בּוֹ אַרְבָּעִים סְאָה חָסֵר אַחַת.** א מקוה וואס איז דא דערין פערציג סאה ווייניגער איינס עס האט ניין און דרייסיג (39) סאה וואסער, **נָפַל.** עס איז אריינגעפאלן פון אנגעשעפטע מיט א כלי **מֵהֶם.** פון זיי פון די פריער דערמאנטע זאכן **סְאָה.** א סאה וואס איז פיר און צוואנציג (24) לוגין **לְתוֹכוֹ.** אין די מקוה, **וְהֶעֱלָהוּ.**[ד] האט עס ארויפגעברענגט די מקוה צו פערציג סאה, **נִמְצְאוּ, מַעֲלִין וְלֹא פּוֹסְלִין.** קומט אויס אז זיי טוען מעלה זיין די מקוה ווייל יעצט האט די מקוה פערציג סאה און זיי טוען נישט פסל'ן מיט דריי לוגין אנגעשעפטע, ס'איז דאך אריינגעפאלן א סאה וואס איז אסאך מער ווי דריי (3) לוגין.

א. ער האלט אז אפילו שניי וואס ווערט גלייך וואסער קען נישט צוגערעכענט ווערן צו די פערציג סאה, און אוודאי נישט די אנדערע זאכן וואס די משנה האט פריער אויסגערעכענט. (תפ"י)

ב. ער האט צוריק געצויגן מיט דעם וואס ער האט זיך געקריגט אויף רבי עקיבא, אדער קען מען זאגן אז ער האט זיך נאר מפלפל געווען מיט רבי עקיבא אבער ער האט אין אמת'ן געהאלטן און גע'פסק'נט אז שניי איז יא אויסגעהאלטן פאר א מקוה. (תפ"י)

ג. ריב"נ האלט אויך אזוי ביי שניי און אייז (כפור און גליד), ער זאגט: אז אפילו אבן הברד וואס מען דארף עס צורייבן אז עס זאל ווערן וואסער, האט דאס א דין ווי וואסער, און אוודאי שניי וואס ווערט גלייך וואסער און אויך "כפור" און "גליד" ווייל דאס איז שוין געווען וואסער. (תפ"י)

ד. מען דארף גורס זיין "העלהו" נישט "והעלהו" (מלאכ"ש)

## משנה ב

**אֵלּוּ פּוֹסְלִין וְלֹא מַעֲלִין. הַמַּיִם בֵּין טְמֵאִים בֵּין טְהוֹרִים, וּמֵי כְבָשִׁים, וּמֵי שְׁלָקוֹת, וְהַתֶּמֶד עַד שֶׁלֹּא הֶחְמִיץ. כֵּיצַד פּוֹסְלִין וְלֹא מַעֲלִין. מִקְוֶה שֶׁיֵּשׁ בּוֹ אַרְבָּעִים סְאָה חָסֵר קָרְטוֹב, וְנָפַל מֵהֶם קָרְטוֹב לְתוֹכוֹ, לֹא הֶעֱלָהוּ, פּוֹסְלוֹ בִּשְׁלֹשָׁה לוּגִין. אֲבָל שְׁאָר**

### רבינו עובדיה מברטנורא

**המים.** שאובין. בין טמאין בין טהורים: **מי כבשים.** מים שכבשו בהן זיתים או מיני ירקות: **ומי שלקות.** מים שנשלקו בהן שלקות: **והתמד.** חרצנים וזגים או שמרים שנתן עליהן מים: **עד שלא החמיץ.** דאם החמיץ, נידון כמי פירות: **קרטוב.** אחד מששים וארבע בלוג: **פעמים**

די משנה גייט יעצט מפרש זיין וועלכע זאכן זענען "פוסלין ולא מעלין":

**אֵלּוּ פּוֹסְלִין וְלֹא מַעֲלִין.** די טוען פסל'ן דורך דריי לוגין אנגעשעפט און טוען נישט מעלה זיין ארויפצוברענגן די מקוה צו פערציג סאה, אפילו מיט ווייניגער פון דריי לוגין **הַמַּיִם.** דאס אנגעשעפטע וואסער **בֵּין טְמֵאִים בֵּין טְהוֹרִים.** סיי טמא'נע און סיי טהור'ע **וּמֵי כְבָשִׁים.** און וואסער וואס מען האט דערין געווייקט איילבירטן אדער גרינצייג **וּמֵי שְׁלָקוֹת.** און וואסער וואס מען האט דערין שטארק געקאכט פארשידענע עסנווארג **וְהַתֶּמֶד.** און דאס וואסער וואס מען לייגט אויף די קערענדליך און שאלעכץ פון טרויבן אדער אויף די זאץ פון וויין עס זאל באקומען א טעם פון וויין **עַד שֶׁלֹּא הֶחְמִיץ.** איידער עס איז געווארן זויערליך עס האט נאך נישט באקומען דעם טעם פון וויין,

די משנה גייט יעצט מפרש זיין ווי אזוי איז "פוסלין ולא מעלין":

**כֵּיצַד פּוֹסְלִין וְלֹא מַעֲלִין.** ווי אזוי טוען זיי די פריערדערמאנטע זאכן פסל'ן און נישט מעלה זיין די מקוה, **מִקְוֶה שֶׁיֵּשׁ בּוֹ אַרְבָּעִים סְאָה חָסֵר קָרְטוֹב.** א מקוה וואס עס איז דא דערין פערציג סאה וואסער ווייניגער א קורטוב א קורטוב איז איינס פון 64 פון א לוג, די משנה וויל זאגן, אפילו עס פעלט נאר א טראפ **וְנָפַל מֵהֶם קָרְטוֹב לְתוֹכוֹ.** און עס איז אריינגעפאלן פון זיי פון די פריערדערמאנטע זאכן א קורטוב אין די מקוה **לֹא הֶעֱלָהוּ.** האט עס נישט מעלה געווען די מקוה עס קען נישט צוגערעכענט ווערן צו די פערציג סאה **פּוֹסְלוֹ בִּשְׁלֹשָׁה לוּגִין.** עס טוהט אים פסל'ן די מקוה מיט דריי לוגין אויב עס איז אריינגעפאלן אין די מקוה דריי לוגין פון די פריערדערמאנטע זאכן, ווערט די מקוה פסול, די מקוה האט דאך נאך נישט געהאט קיין גאנצע פערציג סאה,

די משנה גייט יעצט מפרש זיין וועלכע זאכן זענען "לא מעלין ולא פוסלין":

**אֲבָל שְׁאָר הַמַּשְׁקִין.** אבער די אנדערע געטראנקען[א] זעקס (6) פון די זיבן (7) פליסיקייטן וואס ווערן אנגערופן "משקין" **וּמֵי פֵּירוֹת.** און פרוכט זאפט **וְהַצִּיר.** און זאפט פון געזאלצענע פיש **וְהַמּוּרְיֵיס.** און די פעטנס פון געזאלצענע





**הַמַּשְׁקִין, וּמֵי פֵּירוֹת, וְהַצִּיר, וְהַמּוּרְיֵיס, וְהַתֶּמֶד מִשֶּׁהֶחְמִיץ, פְּעָמִים מַעֲלִין, וּפְעָמִים שֶׁאֵינָן מַעֲלִין. כֵּיצַד, מִקְוֶה שֶׁיֵּשׁ בּוֹ אַרְבָּעִים סְאָה חָסֵר אַחַת. נָפַל לְתוֹכוֹ סְאָה מֵהֶם, לֹא הֶעֱלָהוּ. הָיוּ בוֹ אַרְבָּעִים סְאָה, נָתַן סְאָה, וְנָטַל סְאָה, הֲרֵי זֶה כָּשֵׁר:**

### רבינו עובדיה מברטנורא

**מעלין.** כדמפרש, כגון במקוה ארבעים סאה מים כשרים, ונתן בו סאה מי פירות, ואחר כך נטל סאה ממנו מים ומי פירות מעורבים יחד, הרי כל הסאה של מי פירות שנשארה במקוה משלימים את המקוה: **פעמים אין מעלין.** כדקתני במקוה שיש בו ארבעים סאה חסר אחת:

פיש **וְהַתֶּמֶד.** און די וואסער וואס מען לייגט אויף די קערענדליך און שאלעכץ פון טרויבן אדער אויף די זאץ פון וויין עס זאל באקומען א טעם פון וויין **מִשֶּׁהֶחְמִיץ.** ווען עס איז שוין געווארן זויערליך עס האט שוין באקומען א טעם פון וויין, **פְּעָמִים מַעֲלִין, וּפְעָמִים שֶׁאֵינָן מַעֲלִין.** א טייל מאל זענען זיי מעלה און א טייל מאל זענען זיי נישט מעלה די מקוה,

די משנה גייט יעצט מפרש זיין ווי אזוי איז "לא מעלין ולא פוסלין":

**כֵּיצַד.** ווי אזוי **מִקְוֶה שֶׁיֵּשׁ בּוֹ אַרְבָּעִים סְאָה חָסֵר אַחַת.** א מקוה וואס עס איז דא דערין פערציג סאה וואסער ווייניגער איינס עס האט ניין און דרייסיג (39) סאה וואסער **נָפַל לְתוֹכוֹ סְאָה מֵהֶם.** עס איז אריינגעפאלן אין די מקוה א סאה פון זיי פון די פריערדערמאנטע זאכן **לֹא הֶעֱלָהוּ.** האט עס נישט מעלה געווען די מקוה און עס האט עס אויך נישט גע'פסל'ט,

די משנה גייט יעצט מפרש זיין "פעמים מעלין" וואס שטייט פריער:

**הָיוּ בוֹ אַרְבָּעִים סְאָה.** אויב עס איז געווען אין די מקוה פערציג סאה וואסער **נָתַן סְאָה.** ער לייגט אריין א סאה פון די פריער דערמאנטע זאכן ("מי פירות") **וְנָטַל סְאָה.** און דערנאך נעמט ער ארויס א סאה פון די מקוה **הֲרֵי זֶה כָּשֵׁר.** איז די מקוה כשר[ב] קומט אויס אז די "מי פירות" האבן מעלה געווען די מקוה ווייל עס איז יעצט דא פערציג סאה נאר אז מען רעכענט אריין די סאה פון די "מי פירות".

א. ווען עס ווערט דערמאנט סתם משקין, מיינט עס די זיבן פליסיקייטן: וויין, האניג, אויל, מילך, טוי (טל), בלוט און וואסער. די משנה רעדט דא פון די זעקס אויסער וואסער. (מ"א)

ב. דער דין פון "נתן סאה ונטל סאה" און די מקוה איז כשר, איז אויך ביי אנגעשעפטע וואסער, די משנה לערנט אונז דא, אז אפילו "מי פירות" וואס איז נישט קיין מין וואסער, קען אויך צוגערעכענט ווערן צו די פערציג סאה. (תפ"י)

## משנה ג

**הַדִּיחַ בּוֹ סַלֵּי זֵיתִים, וְסַלֵּי עֲנָבִים, וְשִׁנּוּ אֶת מַרְאָיו, כָּשֵׁר. רַבִּי יוֹסֵי אוֹמֵר, מֵי הַצֶּבַע, פּוֹסְלִין אוֹתוֹ בִּשְׁלֹשָׁה לוּגִין, וְאֵינָן פּוֹסְלִין אוֹתוֹ בְּשִׁנּוּי מַרְאֶה. נָפַל לְתוֹכוֹ יַיִן, וּמוֹחַל, וְשִׁנּוּ אֶת מַרְאָיו, פָּסוּל.**

### רבינו עובדיה מברטנורא

**ושינו את מראיו כשר.** דהדחת כלים לא חשיבא שינוי מראה: **ואין פוסלים אותו בשינוי מראה.** משום דלצבעא לית ביה ממשא: **מוחל.** מים היוצאים מן הזיתים:

אין די תורה (שמיני יא:לו) שטייט "מקוה מים", די חז"ל (אין תו"כ) לערנען ארויס פון דעם פסוק אז א מקוה דארף אויסזעהן ווי וואסער, אויב דאס וואסער האט באקומען אן אנדערע קאליר, עס זעהט יעצט נישט אויס ווי וואסער איז די מקוה פסול. דאס איז נאר ווען די זאך אליין וואס געבט די קאליר מישט זיך אריין אין די וואסער, עס איז נישט גענוג אז עס גייט נאר אריין א קאליר אין די וואסער.

**הַדִּיחַ בּוֹ סַלֵּי זֵיתִים, וְסַלֵּי עֲנָבִים.** אויב ער האט אויסגעשווענקט אין אים אין די מקוה קוישען פון איילבירטן אדער קוישען פון טרויבן די קוישן זענען געווען פארשמירט פון די איילבירטן אדער טרויבן וואס מען פלעגט דערין האלטן **וְשִׁנּוּ אֶת מַרְאָיו.** און עס האט געענדערט זיין אויסזעהן די וואסער אין די מקוה זעהט יעצט נישט אויס ווי וואסער **כָּשֵׁר.** איז די מקוה כשר ווייל דאס וואס איז אנגעשמירט אויף די קוישן איז נישט קיין זאך וואס מישט זיך אריין אין די וואסער, עס גייט נאר אריין א קאליר,

**רַבִּי יוֹסֵי אוֹמֵר.** רבי יוסי זאגט[א] **מֵי הַצֶּבַע.** פארב-וואסער מען פלעגט ווייקען געווירצן אין וואסער, אויף צו מאכן דערפון פארב (פעינט בלע"ז) **פּוֹסְלִין אוֹתוֹ בִּשְׁלֹשָׁה לוּגִין.** טוען פסל'ן די מקוה מיט דריי לוגין אויב עס איז ארײנגעפאלן דריי לוגין פון די פארב-וואסער אין א מקוה וואס האט נאך נישט קיין פערציג סאה ווערט די מקוה פסול[ב] **וְאֵינָן פּוֹסְלִין אוֹתוֹ בְּשִׁנּוּי מַרְאֶה.** און עס טוט נישט פסל'ן די מקוה מיט דעם וואס עס פארענדערט דאס אויסזעהן פון די וואסער ווייל עס האט זיך נישט ארײנגעמישט אין די מקוה פון די געווירצן אליין, די פארב-וואסער וואס האט זיך ארײנגעמישט האט נאר באקומען א קאליר פון די געווירצן,

**נָפַל לְתוֹכוֹ יַיִן, וּמוֹחַל.** אויב עס איז ארײנגעפאלן אין די מקוה וויין אדער זאפט פון איילבירטן עס האט א טונקעלע קאליר **וְשִׁנּוּ אֶת מַרְאָיו.** און





**כֵּיצַד יַעֲשֶׂה, יַמְתִּין לוֹ עַד שֶׁיֵּרְדוּ גְשָׁמִים, וְיַחְזְרוּ מַרְאֵיהֶן לְמַרְאֶה הַמַּיִם. הָיוּ בּוֹ אַרְבָּעִים סְאָה, מְמַלֵּא בְכָתֵף, וְנוֹתֵן לְתוֹכוֹ עַד שֶׁיַּחְזְרוּ מַרְאֵיהֶן לְמַרְאֶה הַמָּיִם:**

### רבינו עובדיה מברטנורא

**ימתין עד שירדו גשמים.** דלמלאות בכתף אי אפשר דבחסר עסקינן, שהוא נפסל בשלשה לוגין: **ממלא בכתף.** דמקוה שלם אין השאובים פוסלים אותו לעולם:

עס האט געענדערט זיין אויסזעהן דאס וואסער אין די מקוה זעהט יעצט נישט אויס ווי וואסער **פָּסוּל.** איז די מקוה פסול ווייל וויין אדער זאפט פון איילבירטן זענען פליסיקייטן וואס האבן א קאליר און עס מישט זיך אריין אין די מקוה,

די משנה גייט אונז יעצט לערנען ווי אזוי די מקוה קען ווערן כשר:

**כֵּיצַד יַעֲשֶׂה.** ווי אזוי זאל ער טוהן **יַמְתִּין לוֹ עַד שֶׁיֵּרְדוּ גְשָׁמִים.** ער זאלווארטן ביז עס וועט אראפקומען רעגן דאס איז ווען די מקוה האט נאך נישט קיין פערציג סאה, קען מען דאך נישט ארײנלייגן קיין אנגעשעפטע וואסער **וְיַחְזְרוּ מַרְאֵיהֶן לְמַרְאֶה הַמַּיִם.** און זייער אויסזעהן וועט צוריק ווערן צו די אויסזעהן פון וואסער,

**הָיוּ בּוֹ אַרְבָּעִים סְאָה.** אויב איז געווען אין אים אין די מקוה פערציג סאה וואסער **מְמַלֵּא בְכָתֵף.** מעג ער אנפולן מיט די אקסל ער מעג נעמען אנגעשעפטע וואסער **וְנוֹתֵן לְתוֹכוֹ.** און ער מעג ארײנלייגן אין די מקוה **עַד שֶׁיַּחְזְרוּ מַרְאֵיהֶן לְמַרְאֶה הַמַּיִם.** ביז זייער אויסזעהן וועט צוריק ווערן צו די אויסזעהן פון וואסער.

א. רבי יוסי קריגט זיך נישט מיט די תנא קמא, ער וויל אונז לערנען אז אפילו "מי הצבע" קען פסל'ן מיט דריי (3) לוגין אנגעשעפטע. (תפ"י)

ב. דאס איז א כלל: אויב טוט די זאך נישט פסל'ן מיט "שינו מראה", איז עס דאך וואסער, טוט עס פסל'ן מיט "שלשה לוגין שאובין", און אויב טוט די זאך יא פסל'ן מיט "שינו מראה", איז עס דאך נישט וואסער, טוט עס נישט פסל'ן מיט "שלשה לוגין שאובין". (תפ"י)

## משנה ד

**נָפַל לְתוֹכוֹ יַיִן, אוֹ מוֹחַל, וְשִׁנּוּ מִקְצַת מַרְאָיו, אִם אֵין בּוֹ מַרְאֵה מַיִם אַרְבָּעִים סְאָה, הֲרֵי זֶה לֹא יִטְבּוֹל בּוֹ:**

### רבינו עובדיה מברטנורא

**אם אין בו מראה מים ארבעים סאה.** אם אין במקוה ארבעים סאה שיש בהן מראה מים, לא יטבול בתוכו מקוה אפילו בתוכו לד שיש בו מראה מים. ואם טבל, לא עלתה לו טבילה:

**נָפַל לְתוֹכוֹ יַיִן, אוֹ מוֹחַל** אויב עס איז אריינגעפאלן אין אים אין די מקוה ווין אדער זאפט פון איילבירטן עס האט א טונקעלע קאליר **וְשִׁנּוּ מִקְצַת מַרְאָיו** און עס האט געענדערט א טייל פון זיין אויסזעהן איין זייט אין די מקוה זעהט יעצט נישט אויס ווי וואסער.

**אִם אֵין בּוֹ מַרְאֵה מַיִם אַרְבָּעִים סְאָה.** אויב עס איז נישט דא אין אים אין די מקוה פערציג סאה וואס זעהט אויס ווי וואסער **הֲרֵי זֶה לֹא יִטְבּוֹל בּוֹ.** זאל ער זיך נישט טובל'ן אין די מקוה אפילו אין דעם טייל וואו עס זעהט יא אויס ווי וואסער[א], וויבאלד די מקוה איז פסול, עס האט נישט קיין פערציג סאה כשר'ע וואסער.

א. אויב איז יא דא אין די מקוה פערציג סאה וואס זעהט אויס ווי וואסער קען ער זיך טובל'ן נאר אין יענעם טייל וואו עס זעהט אויס ווי וואסער.





## משנה ה

**שְׁלֹשָׁה לוּגִּין מַיִם, וְנָפַל לְתוֹכָן קֹרְטוֹב יַיִן, וַהֲרֵי מַרְאֵיהֶן כְּמַרְאֵה הַיַּיִן, וְנָפְלוּ לְמִקְוֶה, לֹא פְסָלוּהוּ. שְׁלֹשָׁה לוּגִּין מַיִם חָסֵר קֹרְטוֹב, וְנָפַל לְתוֹכָן קֹרְטוֹב חָלָב, וַהֲרֵי מַרְאֵיהֶן כְּמַרְאֵה הַמַּיִם, וְנָפְלוּ לְמִקְוֶה, לֹא פְסָלוּהוּ. רַבִּי יוֹחָנָן בֶּן נוּרִי אוֹמֵר, הַכֹּל הוֹלֵךְ אַחַר הַמַּרְאֶה:**

### רבינו עובדיה מברטנורא

**ונפלו למקוה לא פסלוהו.** הואיל והן נראין כיין, ומי פירות אין פוסלין בשלשה לוגין: **הכל הולך אחר המראה.** אף על פי שאין החלב פוסל המקוה ואין במים שיעור שלשה לוגין לפסול, מכל מקום כיון שיש כאן שלשה לוגין שנראין כמים, חשבינן להו כאילו כולן מים, ופוסלין. ואין הלכה כר' יוחנן בן נורי:

אין די משנה לערנט אונז דער תנא קמא אז כדי "מים שאובים" - וואסער וואס איז אנגעשעפט מיט א כלי, זאל פסל'ן א מקוה, דארף זיין די צוויי זאכן: איינס, עס זאל אויסזעהן ווי וואסער. צוויי, עס דארף זיין גאנצע דריי (3) לוגין פון וואסער אליין.

**שְׁלֹשָׁה לוּגִּין מַיִם.** אויב עס איז געווען דריי לוגין אנגעשעפטע וואסער **וְנָפַל לְתוֹכָן קֹרְטוֹב יַיִן.** און עס איז אריינגעפאלן דערין אין די דריי (3) לוגין וואסער א "קורטוב" ווין **וַהֲרֵי מַרְאֵיהֶן כְּמַרְאֵה הַיַּיִן.** און זייער אויסזעהן איז אזוי ווי די אויסזעהן פון ווין דאס וואסער האט באקומען א קאליר ווי ווין **וְנָפְלוּ לְמִקְוֶה.** און עס איז אריינגעפאלן אין א מקוה וואס האט נישט קיין פערציג סאה **לֹא פְסָלוּהוּ.** האט עס נישט געפסל'ט די מקוה[א] ווייל עס זעהט אויס ווי ווין, ווערט עס גערעכנט ווי ווין וואס פסל'ט נישט דורך (3) לוגין אנגעשעפט,

**שְׁלֹשָׁה לוּגִּין מַיִם חָסֵר קֹרְטוֹב.** אויב עס איז געווען דריי לוגין אנגעשעפטע וואסער ווייניגער א "קורטוב" עס איז נישט געווען קיין גאנצע (3) לוגין וואסער **וְנָפַל לְתוֹכָן קֹרְטוֹב חָלָב.** און עס איז אריינגעפאלן דערין אין די וואסער א "קורטוב" מילך **וַהֲרֵי מַרְאֵיהֶן כְּמַרְאֵה הַמַּיִם.** און זייער אויסזעהן איז אזוי ווי די אויסזעהן פון וואסער די מילך האט נישט געטוישט די קאליר פון דאס וואסער **וְנָפְלוּ לְמִקְוֶה.** און עס איז אריינגעפאלן אין א מקוה וואס האט נישט קיין פערציג סאה **לֹא פְסָלוּהוּ.** האט עס נישט געפסל'ט די מקוה וויבאלד עס איז נישט געווען קיין גאנצע דריי (3) לוגין וואסער נאר צוזאמען מיט די מילך, און מילך פסל'ט נישט קיין מקוה דורך דריי (3) לוגין אנגעשעפטע,

**רַבִּי יוֹחָנָן בֶּן נוּרִי אוֹמֵר.** רבי יוחנן בן נורי זאגט ער קריגט זיך מיט די צווייטע הלכה פון די תנא קמא **הַכֹּל הוֹלֵךְ אַחַר הַמַּרְאֶה.** אלעס גייט לויט דעם אויסזעהן כאטש עס איז נישט פארהאן דא קיין גאנצע דריי (3) לוגין פון דאס וואסער, אבער וויבאלד עס איז יעצט דא דריי (3) לוגין וואס זעען אויס ווי וואסער טוהט עס יא פסל'ן די מקוה.

א. מען רעדט דא אז עס האט נישט געטוישט די אויסזעהן פון דאס וואסער אין די מקוה, אויב עס האט יא געטוישט די אויסזעהן, וועט עס יא פסל'ן די מקוה, אזוי ווי מען האט געלערנט אין משנה ג'.

## משנה ו

**מִקְוֶה שֶׁיֵּשׁ בּוֹ אַרְבָּעִים סְאָה מְכוּוָּנוֹת, יָרְדוּ שְׁנַיִם וְטָבְלוּ זֶה אַחַר זֶה, הָרִאשׁוֹן טָהוֹר, וְהַשֵּׁנִי טָמֵא. רַבִּי יְהוּדָה אוֹמֵר, אִם הָיוּ רַגְלָיו שֶׁל רִאשׁוֹן נוֹגְעוֹת בַּמַּיִם, אַף הַשֵּׁנִי טָהוֹר. הִטְבִּיל בּוֹ אֶת הַסָּגוֹס וְהֶעֱלָהוּ, מִקְצָתוֹ נוֹגֵעַ בַּמַּיִם, טָהוֹר. הַכַּר וְהַכֶּסֶת שֶׁל עוֹר,**

### רבינו עובדיה מברטנורא

**השני טמא.** דודאי חסר שיעור המקוה בטבילתו של ראשון: **אף השני טהור.** דאמרינן גוד אחית, והוי כאילו המים שבעלה הראשון בגופו הן מחוברין למי מקוה ולא נחסר משיעורו כלום, ופירשו בגמרא דחגיגה (דף יט) דלא טיהר ר' יהודה אלא במעלות דרבנן, כגון שהיה טהור לחולין וטבל להיות טהור למעשר, או שהיה טהור למעשר וטבל להיות טהור לתרומה. אבל לעלות מטומאה גמורה לטהרה, דברי הכל טמא. ואין הלכה כר' יהודה: **סגוס.** בגד צמר עב, וקורין לו בערבי אלבורנו"ס, ובולע מים הרבה: **מקצתו נוגע במים טהור.** ובמקוה שיש בו ארבעים סאה מצומצמות איירי, וטבל בו אדם לאחר שהטביל בו את הסגוס, טהור האיש הטובל אע"פ שנחסר שיעור מקוה בטבילת הסגוס, מאחר שמקצת הסגוס נוגע במים, ור' יהודה היא דסבירא ליה אמרינן גוד אחית: **המים שבתוכן שאובים.** וחוזרים ופוסלים את המקוה בשלשה לוגים, שהרי לא היו בו אלא ארבעים סאה מכוונות ונתחסר כשהגביה שפתותיהן מן המים: **ומעלה אותם דרך שוליהם.** כדי שלא יפלו המים שבתוכן למקוה ויפסלו כל מימיו:

**מִקְוֶה שֶׁיֵּשׁ בּוֹ אַרְבָּעִים סְאָה מְכוּוָּנוֹת.** א מקוה וואס עס איז דא דערין פונקטליך פערציג (40) סאה וואסער **יָרְדוּ שְׁנַיִם וְטָבְלוּ זֶה אַחַר זֶה.** עס האבן אראפגענידערט צוויי מענטשן וואס זענען געווען טמא און זיי האבן זיך געטובל'ט, איינער נאכ'ן אנדערן **הָרִאשׁוֹן טָהוֹר.** דער ערשטער וואס האט זיך געטובל'ט איז טהור **וְהַשֵּׁנִי טָמֵא.** און דער צווייטער וואס האט זיך געטובל'ט איז געבליבן טמא ווייל ער האט זיך געטובל'ט אין א מקוה וואס האט נישט קיין פערציג (40) סאה וואסער, דער ערשטער מענטש וואס האט זיך געטובל'ט האט מיטגענומען אביסל וואסער אויף זיין קערפער ווען ער איז ארויס געגאנגן פון וואסער,

**רַבִּי יְהוּדָה אוֹמֵר.** רבי יהודה זאגט **אִם הָיוּ רַגְלָיו שֶׁל רִאשׁוֹן נוֹגְעוֹת בַּמַּיִם.** אויב די פיס פון דעם ערשטן מענטש וואס גייט יעצט ארויס פון די מקוה רירט נאך אהן אין די וואסער פון די מקוה **אַף הַשֵּׁנִי טָהוֹר.** איז אויך דער צווייטער טהור[א] מען נוצט דא די הלכה פון "גוד־אחית" – "ציה־אראפ", מיר זאגן אז די אלע וואסער וואס איז אויף דעם מענטשנ'ס קערפער, ציהט מען אראפ, און עס איז אזוי ווי עס וואלט געווען איינס (באהאפטן) מיט די מקוה, קומט אויס אז דער צווייטער מענטש טובל'ט זיך אויך אין א מקוה וואס האט פערציג (40) סאה וואסער,

**הִטְבִּיל בּוֹ אֶת הַסָּגוֹס.** אויב האט ער געטובל'ט אין די מקוה וואס האט פונקטליך פערציג (40) סאה וואסער די דיקע וואלענע קלייד עס זאפט איין אסאך וואסער **וְהֶעֱלָהוּ.** און ער ברענגט עס ארויף נאכ'ן טובל'ן, ווען ער ברענגט עס ארויס פון וואסער וועט דאך פעלן פון די פערציג (40) סאה, וואס וועט זיין דער דין מיט דער מענטש וואס טובל'ט זיך דערנאך? **מִקְצָתוֹ נוֹגֵעַ בַּמַּיִם.** אויב א טייל פון די דיקע וואלענע קלייד רירט נאך אהן אין די וואסער **טָהוֹר.** איז ער דער מענטש וואס טובל'ט זיך דעמאלט טהור ווייל דאס גייט לויט רבי יהודה[ב] וואס לערנט אז מען זאגט "גוד אחית",

**הַכַּר וְהַכֶּסֶת שֶׁל עוֹר.** דער קישן אדער דאס געלעגער וואס זענען פון לעדער[ג] דאס געלעגער פלעגט מען אונטערלייגן אונטער זיך, דער קישן און דאס געלעגער האבן





**כֵּיוָן שֶׁהִגְבִּיהַּ שִׂפְתוֹתֵיהֶם מִן הַמַּיִם, הַמַּיִם שֶׁבְּתוֹכָן שְׁאוּבִין. כֵּיצַד יַעֲשֶׂה, מַטְבִּילָן, וּמַעֲלֶה אוֹתָם דֶּרֶךְ שׁוּלֵיהֶן:**

### רבינו עובדיה מברטנורא

בו ארבעים סאה מצומצמות איירי, וטבל בו אדם לאחר שהטביל בו את הסגוס, טהור האיש הטובל אע"פ שנחסר שיעור מקוה בטבילת הסגוס, מאחר שמקצת הסגוס נוגע במים, ור' יהודה היא דסבירא ליה אמרינן גוד אחית: **המים שבתוכן שאובים.** וחוזרים ופוסלים את המקוה בשלשה לוגים, שהרי לא היו בו אלא ארבעים סאה מכוונות ונתחסר כשהגביה שפתותיהן מן המים: **ומעלה אותם דרך שוליהם.** כדי שלא יפלו המים שבתוכן למקוה ויפסלו כל מימיו:

בײדע געהאט אן עפענונג, מען פלעגט עס אנפולן מיט פעדערן אדער אנדערע ווייכע זאכן, ווערט עס גערעכענט ווי א לעדערנע כלי וואס האט א "בית קיבול", מען רעדט דא אז זיי זענען געווען טמא און מען טובל'ט עס יעצט אין א מקוה וואס האט פונקליך פערציג (40) סאה וואסער **כֵּיוָן שֶׁהִגְבִּיהַּ שִׂפְתוֹתֵיהֶם מִן הַמַּיִם.** וויבאלד ער הייבט זייער זוים ביי די עפענונג, ארויס פון וואסער ער וויל עס יעצט ארויסנעמען פון די מקוה **הַמַּיִם שֶׁבְּתוֹכָן שְׁאוּבִין.** איז דאך דאס וואסער וואס איז אין די כלי אנגעשעפט ווייל די וואסער וואס איז אין די כלי איז שוין נישט איינס (באהאפטן) מיט די מקוה, אז עס וועט צוריק ארײנפאלן וואסער פון די כלי אריין אין די מקוה, וועט די מקוה ווערן פסול, די מקוה האט דאך שוין נישט קיין פערציג (40) סאה און עס ווערט פסול מיט דריי (3) לוגין אנגעשעפט **כֵּיצַד יַעֲשֶׂה.** ווי אזוי זאל ער טוהן? אז די מקוה זאל נישט פסול ווערן **מַטְבִּילָן, וּמַעֲלֶה אוֹתָם דֶּרֶךְ שׁוּלֵיהֶן.** ער טובל'ט זיי די כלים און ער ברענגט זיי ארויף פון וואסער דורך זייער אונטערשטע טייל נאכ'ן טובל'ן זאל ער איבערדרייען די כלי אז די עפענונג זאל זיין פון אונטן, און אזוי ארויסנעמען פון וואסער, כדי דאס וואסער זאל נישט ווערן אנגעשעפט.

א. די גמרא (חגיגה יט) זאגט (לויט איין דעה) אז רבי יהודה האט געזאגט אז מען איז טהור נאר דארט ווי מען טובל'ט זיך צו זיין טהור אלס א חומרא וואס די רבנן האבן געזאגט, למשל איינער וואס האט זיך געהאלטן טהור אויף צו עסן תרומה און ער וויל יעצט עסן קדשים וואס איז א דרגא העכער, האבן די רבנן געזאגט אז ער דארף זיך טובל'ן אלס חומרא. ווען אבער ער זאל זיין טמא ווייל דער דין איז אזוי, וועט רבי יהודה אויך לערנען אז מען קען נישט ווערן טהור דורך "גוד אחית".

ב. אנדערע מפרשים לערנען אז דא ביי די "סגוס" וועט יעדער לערנען אז מען זאגט "גוד אחית", און דוקא ביי דעם מענטש קריגן זיך די חכמים ווייל עס איז נישט דא גענוג וואסער אויף דעם מענטשנ'ס גוף אז עס זאל הייסן איינס (באהאפטן) מיט די מקוה, אבער דא ביי די "סגוס" איז דא אסאך וואסער צוזאם, וועט מען דא יא זאגן "גוד אחית".

ג. אנדערע לערנען אז "כר" איז דאס געלעגער און "כסת" איז דער קישן.

## משנה ז

**הִטְבִּיל בּוֹ אֶת הַמִּטָּה, אַף עַל פִּי שֶׁרַגְלֶיהָ שׁוֹקְעוֹת בְּטִיט הֶעָבֶה, טְהוֹרָה. מִפְּנֵי שֶׁהַמַּיִם מְקַדְּמִין. מִקְוֶה שֶׁמֵּימָיו מְרוּדָּדִין, כּוֹבֵשׁ אֲפִילוּ חֲבִילֵי עֵצִים, אֲפִילוּ חֲבִילֵי קָנִים, כְּדֵי שֶׁיִּתְפְּחוּ הַמַּיִם, וְיוֹרֵד**

### רבינו עובדיה מברטנורא

**הטביל בו את המטה.** שרגליה גבוהות, ואי אפשר להטבילה כולה כאחת במקוה קטן כזה ששיעורו מצומצם, אלא אם כן רגליה שוקעות בטיט: **העבה.** שאינו נרוק ואין מטבילין בו: **שהמים מקדמין.** להטביל הרגלים קודם שישקעו בטיט ובמים הוטבלו: **שמימיו מרודדים.** שאין המים עמוקים מחמת שהמקוה רחב והמים מתפשטים בכולו. ואע"פ שיש בו ארבעים סאה, אין כל גופו מתכסה במים בבת אחת: **כובש.** לצד אחד של מקוה: **אפילו חבילי עצים וקנים.**

**הִטְבִּיל בּוֹ אֶת הַמִּטָּה.** אויב ער האט געטובל'ט אין אים אין די מקוה די בעט וואס איז געווען טמא **אַף עַל פִּי שֶׁרַגְלֶיהָ שׁוֹקְעוֹת בְּטִיט הֶעָבֶה.** כאטש אירע פיס פון די בעט זינקן איין אין די דיקע ליים די בעט איז הויך און מען קען עס נישט איינטונקן אונטער די וואסער אויף איין מאל נאר אז די פיס פון בעט וועלן אריינגיין אין די דיקע ליים וואס איז אונטער דאס וואסער **טְהוֹרָה.** איז די בעט טהור **מִפְּנֵי שֶׁהַמַּיִם מְקַדְּמִין.** ווייל דאס וואסער האט געפעדערט די פיס פון בעט זענען אריין אין דאס וואסער איידער עס איז אריין אין די דיקע ליים, הייסט דאס אז די פיס זענען אויך געטובל'ט געווארן אין וואסער,

נאך א פשט:

ווען די פיס פון בעט שטעקן זיך אריין אין די דיקע ליים, כאפן זיך אריין וואסער אין דעם לאך וואס ווערט אונטער די פיס. דאס וואסער איז איינס (באהאפטן) מיט די מקוה, קומט אויס אז די בעט ווערט געטובל'ט אויף איינמאל אין די וואסער, (תפ"י)

**מִקְוֶה שֶׁמֵּימָיו מְרוּדָּדִין.** א מקוה וואס זיין וואסער איז פלאך עס האט פערציג (40) סאה אבער עס איז זייער נידריג און א מענטש קען זיך דערין נישט טובל'ן **כּוֹבֵשׁ אֲפִילוּ חֲבִילֵי עֵצִים, אֲפִילוּ חֲבִילֵי קָנִים.** מעג ער אראפדרוקן אפילו בינטלעך העלצער אדער בינטלעך שטעקלעך[א] **כְּדֵי שֶׁיִּתְפְּחוּ הַמַּיִם.** כדי דאס וואסער זאל זיך אויפהייבן אויף איין זייט אין די מקוה לייגט ער אריין העלצער און ער דרוקט עס אראפ דורך ארויפלייגן שווערע זאכן דערויף כדי עס זאל נישט





**וְטוֹבֵל. מַחַט שֶׁהִיא נְתוּנָה עַל מַעֲלַת הַמְּעָרָה, הָיָה מוֹלִיךְ וּמֵבִיא בַּמַּיִם, כֵּיוָן שֶׁעָבַר עָלֶיהָ הַגַּל, טְהוֹרָה:**

### רבינו עובדיה מברטנורא

ואע"ג דנראה כמקוה שחלקו, אפילו הכי הואיל והמים נכנסין ביניהן לא הוי חלוק. וכובש דנקט, מפני שהעצים והקנים צפים על פני המים וצריך לכבוש עליהם אבנים כדי שיכנסו תחת המים: **היה מוליך ומביא במים.** מנענע המים בידיו: **כיון שעבר הגל.** של מים על המעלה של מקוה שהמחט מונח בה וצפו מי הגל על המחט, טהורה. ולפי שהמחט דקה וקטנה ויראה פן תפול במים, דרך להטבילה כן:

אוועקשווימען, וועט אויסקומען אז די איבריגע וואסער וועט יעצט ווערן העכער **וְיוֹרֵד וְטוֹבֵל.** און ער נידערט אראפ און ער קען זיך טובל'ן,

**מַחַט שֶׁהִיא נְתוּנָה עַל מַעֲלַת הַמְּעָרָה.** א נאדל וואס מען האט איר געלייגט אויף די טרעפ פון די הייל פון א מקוה, די נאדל איז קליין און מען האט מורא אז עס וועט אריינפאלן אין וואסער, פלעגט מען עס טובל'ן דורך ארויפלייגן אויף די טרעפ, און מען האט ארויפגעשארט אויף איר דאס וואסער **הָיָה מוֹלִיךְ וּמֵבִיא בַּמַּיִם.** אויב האט ער געשארט מיט די וואסער אהין און צוריק אויף די טרעפ **כֵּיוָן שֶׁעָבַר עָלֶיהָ הַגַּל.** וויבאלד עס גייט אריבער אויף איר אויף די נאדל די כוואליע **טְהוֹרָה.** איז די נאדל טהור ווייל דאס וואסער פון די מקוה און די כוואליע זענען איינס (באהאפטן) קומט אויס אז מען האט געטובל'ט די נאדל אין א כשר'ע מקוה.

א. די משנה וויל זאגן אז שטיינער קען מען אוודאי לייגן, נאר אפילו האלץ וואס דאס וואסער גייט דאך אריין אינצווישן די העלצער און עס זעהט אויס ווי עס איז אפגעטיילט פון די איבעריגע וואסער, קען מען יענע וואסער אויך רעכענען צו די פערציג (40) סאה פון די מקוה. (ר"ש)

## תפלה לאחר הלימוד בעד הנפטר

**אָנָּא** יְיָ מָלֵא רַחֲמִים אֲשֶׁר בְּיָדְךָ נֶפֶשׁ כָּל חַי וְרוּחַ כָּל בְּשַׂר אִישׁ, יְהֶיֶה נָא לְרָצוֹן לְפָנֶיךָ תּוֹרָתֵנוּ וּתְפִלָּתֵנוּ בַּעֲבוּר נִשְׁמַת (פב"פ), וּגְמוֹל נָא עִמָּהּ בְּחַסְדְּךָ הַגָּדוֹל לִפְתּוֹחַ לָהּ שַׁעֲרֵי רַחֲמִים וָחֶסֶד וְשַׁעֲרֵי גַּן עֵדֶן, וּתְקַבֵּל אוֹתָהּ בְּאַהֲבָה וּבְחִבָּה, וּשְׁלַח לָהּ מַלְאָכֶיךָ הַקְּדוֹשִׁים וְהַטְּהוֹרִים לְהוֹלִיכָהּ וּלְהוֹשִׁיבָהּ תַּחַת עֵץ הַחַיִּים אֵצֶל נִשְׁמוֹת הַצַּדִּיקִים וְהַצִּדְקָנִיּוֹת חֲסִידִים וַחֲסִידוֹת, לֵהָנוֹת מִזִּיו שְׁכִינָתְךָ וּלְהַשְׂבִּיעָהּ מִטּוּבְךָ הַצָּפוּן לַצַּדִּיקִים. וְהַגּוּף יָנוּחַ בַּקֶּבֶר בִּמְנוּחָה נְכוֹנָה בְּחֶדְוָה וּבְשִׂמְחָה וְשָׁלוֹם, כְּדִכְתִיב יָבֹא שָׁלוֹם יָנוּחוּ עַל מִשְׁכְּבוֹתָם הוֹלֵךְ נְכֹחוֹ. וּכְתִיב יַעְלְזוּ חֲסִידִים בְּכָבוֹד יְרַנְּנוּ עַל מִשְׁכְּבוֹתָם. וּכְתִיב אִם תִּשְׁכַּב לֹא תִפְחָד וְשָׁכַבְתָּ וְעָרְבָה שְׁנָתֶךָ.

לזכר

וְתִשְׁמוֹר אוֹתוֹ מֵחִבּוּט הַקֶּבֶר וּמֵרִמָּה וְתוֹלֵעָה, וְתִסְלַח וְתִמְחוֹל לוֹ עַל כָּל פְּשָׁעָיו כִּי אָדָם אֵין צַדִּיק בָּאָרֶץ אֲשֶׁר יַעֲשֶׂה טּוֹב וְלֹא יֶחֱטָא. וּזְכוֹר לוֹ זְכִיּוֹתָיו וְצִדְקוֹתָיו אֲשֶׁר עָשָׂה, וְתַשְׁפִּיעַ לוֹ מִנִּשְׁמָתוֹ לְדַשֵּׁן עַצְמוֹתָיו בַּקֶּבֶר מֵרֹב טוּב הַצָּפוּן לַצַּדִּיקִים, כְּדִכְתִיב מָה רַב טוּבְךָ אֲשֶׁר צָפַנְתָּ לִּירֵאֶיךָ, וּכְתִיב שֹׁמֵר כָּל עַצְמוֹתָיו אַחַת מֵהֵנָּה לֹא נִשְׁבָּרָה. וְיִשְׁכּוֹן בֶּטַח בָּדָד וְשַׁאֲנַן מִפַּחַד רָעָה, וְאַל יִרְאֶה פְּנֵי גֵיהִנֹּם. וְנִשְׁמָתוֹ תְּהֵא צְרוּרָה בִּצְרוֹר הַחַיִּים וּלְהַחֲיוֹתוֹ בִּתְחִיַּת הַמֵּתִים עִם כָּל מֵתֵי עַמְּךָ יִשְׂרָאֵל בְּרַחֲמִים, אָמֵן:

לנקבה

וְתִשְׁמוֹר אוֹתָהּ מֵחִבּוּט הַקֶּבֶר וּמֵרִמָּה וְתוֹלֵעָה, וְתִסְלַח וְתִמְחוֹל לָהּ עַל כָּל פְּשָׁעֶיהָ כִּי אָדָם אֵין צַדִּיק בָּאָרֶץ אֲשֶׁר יַעֲשֶׂה טּוֹב וְלֹא יֶחְטָא, וּזְכוֹר לָהּ זְכִיּוֹתֶיהָ וְצִדְקוֹתֶיהָ אֲשֶׁר עָשְׂתָה, וְתַשְׁפִּיעַ לָהּ מִנִּשְׁמָתָהּ לְדַשֵּׁן עַצְמוֹתֶיהָ בַּקֶּבֶר מֵרֹב טוּב הַצָּפוּן לַצַּדִּיקִים, כְּדִכְתִיב, מָה רַב טוּבְךָ אֲשֶׁר צָפַנְתָּ לִּירֵאֶיךָ, וּכְתִיב, שֹׁמֵר כָּל עַצְמוֹתָיו אַחַת מֵהֵנָּה לֹא נִשְׁבָּרָה, וְתִשְׁכּוֹן בֶּטַח בָּדָד וְשַׁאֲנַן מִפַּחַד רָעָה, וְאַל תִּרְאֶה פְּנֵי גֵיהִנֹּם, וְנִשְׁמָתָהּ תְּהֵא צְרוּרָה בִּצְרוֹר הַחַיִּים, וּלְהַחֲיוֹתָהּ בִּתְחִיַּת הַמֵּתִים עִם כָּל מֵתֵי עַמְּךָ יִשְׂרָאֵל בְּרַחֲמִים, אָמֵן:





# קדיש דרבנן

**יִתְגַּדַּל וְיִתְקַדַּשׁ שְׁמֵהּ רַבָּא: בְּעָלְמָא דִּי בְרָא כִרְעוּתֵהּ וְיַמְלִיךְ מַלְכוּתֵהּ וְיַצְמַח פּוּרְקָנֵהּ וִיקָרֵב (נ"א קֵץ) מְשִׁיחֵהּ. בְּחַיֵּיכוֹן וּבְיוֹמֵיכוֹן, וּבְחַיֵּי דְכָל בֵּית יִשְׂרָאֵל, בַּעֲגָלָא וּבִזְמַן קָרִיב, וְאִמְרוּ אָמֵן:**

**יְהֵא שְׁמֵהּ רַבָּא מְבָרַךְ, לְעָלַם וּלְעָלְמֵי עָלְמַיָּא:**

**יִתְבָּרַךְ וְיִשְׁתַּבַּח, וְיִתְפָּאַר וְיִתְרוֹמַם וְיִתְנַשֵּׂא, וְיִתְהַדָּר וְיִתְעַלֶּה וְיִתְהַלָּל, שְׁמֵהּ דְקוּדְשָׁא, בְּרִיךְ הוּא: לְעֵלָּא [בעשי"ת וּלְעֵלָּא מִכָּל] מִן כָּל בִּרְכָתָא וְשִׁירָתָא, תֻּשְׁבְּחָתָא וְנֶחֱמָתָא, דַּאֲמִירָן בְּעָלְמָא, וְאִמְרוּ אָמֵן:**

**עַל יִשְׂרָאֵל וְעַל רַבָּנָן, וְעַל תַּלְמִידֵיהוֹן וְעַל כָּל תַּלְמִידֵי תַלְמִידֵיהוֹן, וְעַל כָּל מָאן דְּעָסְקִין בְּאוֹרַיְתָא, דִּי בְאַתְרָא הָדֵין וְדִי בְכָל אֲתַר וַאֲתַר. יְהֵא לְהוֹן וּלְכוֹן שְׁלָמָא רַבָּא, חִנָּא וְחִסְדָּא וְרַחֲמֵי, וְחַיֵּי אֲרִיכֵי, וּמְזוֹנֵי רְוִיחֵי, וּפֻרְקָנָא, מִן קֳדָם אֲבוּהוֹן דִּי בִשְׁמַיָּא וְאַרְעָא. וְאִמְרוּ אָמֵן.**

**יְהֵא שְׁלָמָא רַבָּא מִן שְׁמַיָּא, וְחַיִּים טוֹבִים עָלֵינוּ וְעַל כָּל יִשְׂרָאֵל. וְאִמְרוּ אָמֵן.**

**עוֹשֶׂה [בעשי"ת הַשָּׁלוֹם] שָׁלוֹם בִּמְרוֹמָיו, הוּא בְּרַחֲמָיו יַעֲשֶׂה שָׁלוֹם עָלֵינוּ, וְעַל כָּל יִשְׂרָאֵל. וְאִמְרוּ אָמֵן.**

# לוח יארצייט

שם הנפטר/ת

__________ בן / בת __________

נפטר ביום

____________________

שם הנפטר/ת

__________ בן / בת __________

נפטר ביום

____________________

שם הנפטר/ת

__________ בן / בת __________

נפטר ביום

____________________

שם הנפטר/ת

__________ בן / בת __________

נפטר ביום

____________________

# לוח יארצייט

שם הנפטר/ת

__________ בן / בת __________

נפטר ביום

____________________

שם הנפטר/ת

__________ בן / בת __________

נפטר ביום

____________________

שם הנפטר/ת

__________ בן / בת __________

נפטר ביום

____________________

שם הנפטר/ת

__________ בן / בת __________

נפטר ביום

____________________